אַנשטאַלט. רפואות זענען געגעבן געוואָרן דער באַפעלקערונג צו זייער ביליקע פרייזן. ס'איז געעפנט געוואָרן אַ גרויסע עפנטלעכע ביבליאָטעק מיט אַ סך ביכער אין די אָרטיקע שפּראַכן: רוסיש, ווייסרוסיש, יידיש און פויליש.

פאַר דער צייט פון דער סאָוויעטישער הערשאַפט זענען פון דער יידישער באַפעלקערונג פאַרשיקט געוואָרן אין אַנדערע געגנטן פון רוסלאַנד אייניקע מענטשן, געזעלשאַפטלעכע טוער פון די פריערדיקע צייטן: דער אַלטער ציוניסט אליהו פּאָמעראַניעץ מיט זיין פרוי, די אַלטע בונדיסטן יצחק עזרא גלעזער און פאַמיליע, ניימאַן און פאַמיליע, פּאָרער מיט דער מוטער און שוועסטער. אויך די פאַמיליע פון מאיר מאָטיל.

## אונטער דער דייטשישער הערשאַפט.

די סאָוויעטישע מאַכט האָט אין פרוזשענע לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. אין 21 מאָנאַטן אַרום, דעם 22סטן יוני 1941, פאַרטאָג, זענען די נאַציס באַפאַלן די רויט־אַרמייִשע ליניעס און דעם 23סטן זענען די נאַצישע טאַנקן אַריין אין פרוזשענע און מיט זיי דער אומגליק אויף דער יידישער באַפעלקערונג. די יידן זענען געבליבן זיצן אין די הייזער. אין גאַס האָט מען געזען נאָר קריסטן, וועלכע זענען אַרויס באַגריסן די אָקופּאַנטן. אַ טרויעריקער טאָג איז עס געווען פאַר די יידן, ווייל זיי האָבן געוווּסט וואָס זיי דערוואַרט. עס זענען אַריבער עטלעכע טעג, האָבן זיך אָנגעהויבן אַלערליי גזירות אויף יידן. איבערפאַלן אויף יידישע הייזער, רויבעריי, קלעפּ און שפּאָט זענען געוואָרן אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. צווישן די ערשטע גזירות איז געווען די פון שאַנד־צייכן. ס'איז דורך אַ שטיקל צייט, איז אויף די יידן אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ קאָנטריבוציע: צושטעלן אין משך פון 24 שעה 500.000 רובל, 2 ק״ג גאָלד, 10 ק״ג זילבער און 100 פּאָר שטיוול. טאָג־טעגלעך זענען געפאָדערט געוואָרן פאַרשידענע סכומים פון אַלערליי זאַכן: קישנס, דעקעס, ליילעכער, בעטן א״אַ מעבל. אַ ביסל שפּעטער איז די יידן פאַרבאָטן געוואָרן צו גיין איבער די טראָטואַרן; זיי האָבן געמוזט גיין אין מיטן גאַס. עס איז זיי פאַרבאָטן געוואָרן צו וווינען אין די גאַסן פּאַצעוויטש און 3טער מאַי און אין די זייטיקע צווישן זיי. אַלע יידן האָבן זיך אַרויסגעצויגן פון דעם דאָזיקן שטאָט־טייל. ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און ס'איז געקומען דער געטאָ־באַפעל.

## דאָס לעבן אין געטאָ

דעם 25סטן סעפּטעמבער איז באַפוילן געוואָרן אַלע יידן צוזאַמענקלייבן זיך אין געטאָ, וואָס האָט אַרומגענומען פאָלגנדיקע גאַסן: דאָמבראָווסקע ביזן בריק, קאָברינער ביזן בריק, הריסקער ביזן ראָג, ווו זי פאַראייניקט זיך מיט שערעשעווער און אַלע געסלעך צווישן. אָט דער שטאָט־טייל איז אַרומגעצוימט געוואָרן מיט שטעכיקן דראָט, און דער הויפּט־טויער איז איינגעשטעלט געוואָרן צווישן יודקאָווסקיס הויז און דעם ראַד־קראָמען. די מאַכט האָט באַשטימט אַ „יודענראַט" פון פינף פּערזאָן, און די איז דערלויבט געוואָרן צוציִען נאָך מענטשן, אַזוי אַז לסוף האָט דער ראַט געציילט 24 מאַן. די באַשטימטע האָבן צוגעצויגן מענטשן פון אַלע שיכטן פון דער געמיינדע, און האָבן גענומען אויף זיך די אָרגאַניזאַציאָנעלע און אַלגעמיינע ענינים. היות אַלע ריכטונגען פון דער באַפעלקערונג זענען געווען פאַרטראָטן אין ראַט, האָט זיך געשאַפן אַ קעגנזייטיקער צוטרוי, אַ ווילן צו געמיינזאַמער אַרבעט און איבערגעגעבנקייט צו דער כלל־זאַך. דער ראַט האָט פאַקטיש פאַרוואַלטעט מיט אַלע געביטן פון געטאָ־לעבן. ער איז געווען דער אויטאָריטעט אין אַלע געזעלשאַפטלעכע ענינים פון געטאָ, וווהין עס זענען געבראַכט געוואָרן אַ סך יידן פון אַנדערע שטעט. די לעקציע, וואָס מ'האָט געלערנט פאַר דער צייט פון דער סאָוויעטישער מאַכט, האָט געבראַכט גרויס נוצן. עס זענען נישט דערלויבט געוואָרן אין געטאָ קיין שום פּריוואַטע געשעפטן, די וווינונגען זענען סאָציאַליזירט געוואָרן, עס איז געפירט געוואָרן אַ געזעלשאַפטלעכעווירטשאַפט אין פולן זין פון וואָרט. אַ דאַנק דעם זענען אויסגעמיטן געוואָרן אַ סך שוועריקייטן. ס'איז נישט געווען קיין מאַנגל אין ברויט, קאַרטאָפל אָדער אַנדערע שפּייז. אַלע האַנטווערקער האָבן געאַרבעט אין אַרטעלן, וואָס האָבן געהערט צום ראַט, און דער ראַט האָט אויפגענומען אויך דעם געהאַלט פון די מענטשן וואָס האָבן געאַרבעט פאַר די דייטשן מחוץ פון געטאָ.

די מאָס שפּייז, וואָס די דייטשן האָבן צוגעטיילט פאַר די געטאָ־איינוווינער, איז געווען זייער קליין: 200 גראַם ברויט אויף אַ מענטש אַ טאָג, אַ ביסל קאַרטאָפל און עפּעס מער ווי גאָרנישט פלייש. אומגעפער 4.000 יידן זענען געבראַכט געוואָרן אין פרוזשענער געטאָ — 2.000 פון ביאַליסטאָק און 2.000 פון שערעשעוו, מאַלטש, היינאָווקע, ביאַלאָוויעזש א״אַ. דאָך, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די צאָל יידן אין פרוזשענע איז פאַרטאָפּלט געוואָרן, האָט קיינער נישט געליטן קיין הונגער. דער ראַט האָט געזאָרגט אַלעמען צו באַשפּייזן און האָט אַריינגעבראַכט שפּייז אין געטאָ אויף פאַרשידענע וועגן, אַפילו דורך אונטערקויפן די ס.ס.־לייט. נישט נאָר קיין הונגער האָט מען נישט געליטן, נאָר אַ לאַנגע צייט האָט מען אין די געזעלשאַפטלעכע קראָמען

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
פרוזשענע, בערעזע, מאלטש, שערשעוו, סעלץ ספר קהילה עמוד מס : 636 הודפס ע"י אוצר החכמה

באַקומען ברויט און קאַרטאָפל אָן אַ באַגרענעצונג צו ביליקע פרייזן.

אין שפּיץ פון „יודענראַט“ איז געשטאַנען יצחק יאַנאָוויטש, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט אַלס אָרגאַניזאַטאָר און ערלעכער און איבערגעגעבענער געזעלשאַפטלעכער טוער. ער איז געווען רעספּעקטירט פון אַלע געטאָ־איינוווינער.

ס׳ווערן פאַרדינט באַזונדער דערמאָנט צו ווערן אַלס ערלעכע איבערגעגעבענע טוער: שלמה יודעוויטש, וועלכער האָט געזאָרגט צו באַקומען שפּייזן פאַרן געטאָ; זאַוול סעגעל, וועלכער האָט איינגעשטעלט זיין לעבן קומענדיק אין פאַרבינדונג מיט דער געסטאַפּאָ; לייזער שיין, וואָס האָט געאַרבעט ביי טאָג און ביינאַכט און געזאָרגט פאַר אַלע נויטלעכע אָנגעלעגנהייטן; וועלוול שרייבמאַן און אַלטער פּיוווּשינסקי. ד״ר אָליע גאָלדפּיין, נישט זייענדיק קיין ראַט־מיטגליד, האָט גענומען אַקטיוון אָנטייל אין אַלע געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן און מיט גרויס איבערגעגעבנקייט געזאָרגט פאַר דער געזעלשאַפט.

דער „יודענראַט“ האָט געדאַרפט דערפילן אַלע פאָדערונגען און באַשטעלונגען, וואָס זענען כמעט טאָג־טעגלעך אָנגעקומען פון דער מיליטערישער קאָמענדאַנטור. אַ ספּעציעלע ווערקשטעל האָט אויסגעאַרבעט אַ גענוגנדיקע צאָל פאַרשידענע קעגנשטאַנדן, און אויפגעהיט אין די געטאָ־סקלאַדן, גרייט צו דערפילן יעדע פאָדערונג, כדי נישט צו בלייבן הינטערשטעליק לגבי די שטענדיקע פאָדערונגען. אויך אַרבעטער האָט דער ראַט צוגעשטעלט פאַר די דייטשן און פאַר די קריסטן, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר דער דייטשישער אַרמיי. אַזוי, למשל, האָט מען געשיקט 200 אַרבעטער צו שאָסיי־אַרבעט ביי ביאַלאָוויעזש, און זייער באַשפּייזונג איז געלעגן אויפן ראַט. דער געהאַלט פון די יידישע אַרבעטער איז געווען אַ העלפט פון די קריסטלעכע; חוץ דעם זענען צוגעקומען קלעפּ.

פון צייט צו צייט פלעגן נאַצי־סאָלדאַטן זיך אַריינרייסן אין געטאָ, זידלען, מאָרדן און רויבן. באַזונדער האָט זיך אין דעם אויסגעצייכנט דער סערזשאַנט ליימאַן, וואָס האָט זיך געמאַכט פאַר אַ געוווינהייט רעגלמעסיק באַזוכן אין געטאָ. בעת איינעם פון זיינע באַזוכן, האָט ער מיט זיינע חברים געצוווּנגען דעם אָרטיקן רב און נאָך עלטערע יידן אָנטון טלית און תפילין און טאַנצן און זינגען אין מיטן גאַס. און ער איז געשטאַנען און אָפּגעשפּאָט פון זיי. דאָס איז אים זייער געפעלן און ער האָט עס איבערגעחזרט אַ סך מאָל, ביז מ׳האָט אים אָפּגעווענדט מיט אויסלייזגעלט און אַ דאַנק די באַמיִונגען פון ראַט.

אַ שרעקלעכער טאָג אין לעבן פון געטאָ איז געווען דער ערשטער נאָוועמבער 1942. פון פרימאָרגן איז דאָס געטאָ אַרומגערינגלט געוואָרן מיט אַן אומגעוויינלעך שטאַרקער וואַך. אויף יעדע פּוּפּצן טריט זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן מיליטער מיט קוילנוואַרפער. קיינעם איז נישט דערלויבט געוואָרן אַרויסצוגיין פון געטאָ. די דערלויבענישן פאַר די וואָס האָבן געאַרבעט מחוץ פון געטאָ, זענען צוריקגעצויגן געוואָרן. אַ שרעק און צערודערונג האָט אַרומגענומען אַלע געטאָ־איינוווינער, וועלכע האָבן פאַרשטאַנען אַז עפּעס בייז רוקט זיך אָן. ס׳איז אָבער נישט מעגלעך געווען עפּעס צו טון, ווייל דער אַרויסגאַנג איז געווען פאַרבאָטן. אין אַ געדריקטער שטימונג איז מען געזעסן און געוואַרט אויפן אָנקומענדיקן אומגליק. די פאַרצווייפלונג איז געשטיגן פון שעה צו שעה. די אָרטיקע אינטעליגענץ, דאָקטוירים, לערער, אַדוואָקאַטן א״אַ האָבן זיך פאַרזאַמלט און באַשלאָסן צו באַגיין זעלבסטמאָרד, כדי נישט אַריינפאַלן לעבעדיקע אין די הענט פון די ס״ס. אין דעם זעלבן אָוונט זענען זיי אַלע מיט זייערע פרויען און קינדער געקומען אין הויז פון וועלוול שרייבמאַן, צוזאַמען 41 מענטשן און באַשלאָסן צו פאַרגיפטן זיך. צוערשט איז דער גיפט איינגעשפּריצט געוואָרן די קינדער, דערנאָך די פרויען און צום סוף די מענער. דער גורל איז געפאַלן אויפן באַלעבאָס פון שטוב צו זיין דער לעצטער און אַכטונג געבן די זאַך זאָל דורכגעפירט ווערן בשלימות. ווייזט אויס, אַז די גיפטדאָזעס זענען געווען צו קליין אויף צו טויטן, זענען די מענטשן נאָר איינגעשלאָפן און נישט אויסגעגאַנגען. ווען שרייבמאַן האָט עס באַמערקט, האָט ער איינגעהייצט דעם אויוון, פאַרמאַכט דעם קוימען און אָנגעפילט די שטוב מיט רויך, כדי אַלעמען צו דערשטיקן. ער האָט געוואָלט טריי דערפילן זיין שווערע אויפגאַבע. דערווייל האָט אָנגעהויבן טאָגן. די מערהייט פון דער באַפעלקערונג האָט יענע נאַכט קיין אויג נישט צוגעמאַכט מחמת גרויס אומרויִקייט. זענען גלייך פון פרימאָרגן געקומען איינִיקע מענטשן צום וויצע־פאָרזיצער פון ראַט צו הערן וואָס פאַר אַ נייעס איז פאַרלאָפן, און ביים אויפעפענען די טיר האָט זיך פאַר זיי אַנטפּלעקט די שוידערלעכע בילד. גלייך האָבן זיי זיך גענומען צו דער רעטונגס־אַרבעט. אַלע זענען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן און האָבן געלעבט ביז זייער שפּעטערדיקן אומקום, אויסער הירש ניצקין, דער איידעם פון זעליק גאָלדפּיין. צווישן די, וואָס האָבן געפּרוּווט

*) די רשימה פון די מיטגלידער פון „יודענראַט“ און זייערע פונקציעס זענען דאָ אין דער פריערדיקער אַרבעט פון זאַוועל סעגעל.

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
פּרוזשענע, בערעזע, מאלטש, שערשעוו, סעלץ ספר קהילה עמוד מס : 637 הודפס ע"י אוצר החכמה

באַגיין זעלבסטמאָרד זענען געווען: ד״ר אָליע גאָלדפיין, פייוול גאָלדפיין, ד״ר ראָזנקראַנץ, זיין פרוי און קינד, ד״ר פיק, זיין פרוי און קינד, יאָסל שרייבמאַן, זיין פרוי און קינד, וועלוול שרייבמאַנס פרוי און קינד, און פאַניע פאָמעראַניעץ מיט איר טאָכטער. די אַלע גראַטעוועטע זענען נאָכדעם קראַנק געווען אַ לאַנגע צייט.

אין עטלעכע טעג אַרום איז אַראָפּגענומען געוואָרן די פאַרשטאַרקטע שמירה פון אַרום געטאָ. ס׳זענען ווידער געגעבן געוואָרן די אַרויסגאַנג־דערלויבענישן. מ׳האָט אָנגעהויבן ווידער אַריינברענגען שפייז אין געטאָ, און אַפילו פלייש איז צוגעטיילט געוואָרן איינציקע מאָל. קענטיק, אַז די גזירה איז בטל געוואָרן און דאָס לעבן איז צוריק אַרויף אויף זיין געוויינלעכן וועג. אָבער דאָס איז נאָר געווען אַ מאַנעוור, איינער פון אַ גאַנצע ריי, וואָס האָט געצילט צו אָפּנאַרן און פאַרטומלען.

אַ געוויסן טאָג האָט דער נאַצי־קאָמענדאַנט געמאָלדן, אַז ער וויל דורכפירן אַ ציילונג פון די יידן אין געטאָ. די יידן דאַרפן דעריבער אויסשטעלן זיך אין גאַס צו צען אין אַ ריי. דורך פאַרשיידענע וועגן האָט דער ראַט געפרוווט ווירקן אויף דער מאַכט, אַז די ציילונג זאָל פאָרקומען לויט הויזבאַזוך, און צו דעם צוועק באַשטימט ספעציעל מישאַ בירנבוים, וועלכער איז צוזאַמען מיט איינציקע געהילפן געגאַנגען פון הויז צו הויז און דורכגעפירט אַ גענויע ציילונג לויט אַן אויספירלעכן פראַגע־בויגן. דער דאָזיקער מאַטעריאַל איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם קאָמענדאַנט. אָבער ער איז באַשטאַנען אויף זיינס: די יידן דאַרפן זיך אויסשטעלן אויף דער גאַס. דערביי האָט ער שטאַרק פאַרזיכערט, אַז די יידן וועט נישט געשען קיין שום בייז, אַז דער איינציקער ציל איז נאָר די ציילונג. אַ שרעק האָט אַרומגענומען די באַפעלקערונג, אָבער ס׳איז קיין ברירה נישט געווען. לויטן באַפעל זענען אַ געוויסן טאָג אַלע יידן — מענער, פרויען און קינדער — אַרויס אויף דער גאַס און זיך אויסגעשטעלט צו צען אַ ריי. אַזוי זענען זיי געשטאַנען ביז מיטאָגצייט, ווען ס׳איז געקומען דער קאָמענדאַנט. ער איז געגאַנגען פאַרביי די רייען, געציילט און געצייכנט און פעסטגעשטעלט, אַז די צאָל יידן אין געטאָ איז 9.976 נפשות. נאָכדעם ווי ער האָט דעם עולם געהייסן פונאַנדערגיין זיך, איז אַלעמען גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן, ווייל זיי האָבן געהאַלטן אַז זייער שרעק איז געווען אַן אומזיסטע. דעם צוועק פון דער ציילונג האָט קיינער נישט געוווּסט; זי איז אַדורך אָן נגישות און אָן שפּאָט, און קיינעם איז אויפן זינען נישט געקומען, אַז די סכנה שוועבט אין דער לופטן. אין דער אמתן איז עס געווען אַ צוגרייטונג צום נאָענטן ביטערן טאָג, צו דער פאַרשטייענדיקער פאַרניכטונג און אומקום. דאָס לעבן האָט ווידער גענומען שטראָמען ווי געוויינלעך. דאָ און דאָרט האָבן זיך דורכגעגנבעט קלאַנגען וועגן גירושים און שחיטות אין אַנדערע ערטער, אָבער מ׳האָט נישט געגלויבט און באַצייכנט עס אַלס סתם קלאַנגען. די האָפענונג איז שטאַרקער געווען פון דער פאַרצווייפלונג. מ׳האָט געלעבט מיט דער האָפענונג, אַז פריִער אָדער שפּעטער וועט קומען די מפּלה אויף די נאַציס, און סוף־כּל־סוף וועט קומען די אויסלייזונג.

איינציקע יונגעלייט איז געלונגען צו אַנטלויפן פון געטאָ. זיי האָבן זיך פאַרשטעקט אין די נאָענטע וועלדער און געוואָרן טעטיק אַלס פאַרטיזאַנער. גאַנץ אָפט פלעגן זיי זיך אַריינבאַקומען אין געטאָ, כּדי צו באַקומען שפייז און אַנדערע נויטווענדיקייטן. זיי פלעגן אויך ברענגען ידיעות פון דרויסן, וואָס האָבן קיין גוטס נישט אָנגעזאָגט. די דאָזיקע יונגעלייט זענען געווען די איינציקע פאַרבינדער צווישן געטאָ מיט דער אויסערלעכער וועלט. דעם 27סטן יאַנואַר 1943, זיבן אַזייגער אין אָוונט, זענען צוויי פאַרטיזאַנער, איינער פון זיי מרדכי־בער, שלמה סעגעלס זון, געקומען אין ביוראָ פון ראַט און פאַרלאַנגט פון פאָרזיצער אַ געוויסע סומע געלט און אַ צאָל שטיוול. יצחק יאַנאָוויטש האָט זיי צוגעזאָגט עס צו געבן. אין דעם איז אַריינגעקומען דער הויפּט פון געסטאַפּאָ. ווי ער האָט דערזען די פאַרטיזאַנער, האָט ער זיי פאַרהאַלטן, באַזוכט און געפונען געווער אונטער זייערע בגדים. אָבער אין דער זעלבער רגע האָבן אים די יונגעלייט אומגעשליידערט און אַנטלאָפן און מיט זיי נאָך עטלעכע מענטשן, וואָס זענען דעמאָלט געווען אין ביוראָ. דער געסטאַפּאָ־שעף האָט זיך אויפגעהויבן, אַרויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער און גענומען שיסן. אַלע אָנוועזנדיקע האָבן זיך גענומען ראַטעווען דורך די טירן און פענצטער. איין עלטערער ייִד, דער שומר פון ביוראָ, איז געפאַלן טויט, דוד ראָסאָכאָווסקי און זישע ספּעקטאָר זענען שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן. אין צימער זענען נאָר פאַרבליבן די ראַט־מיטגלידער. י. יאַנאָוויטש, וו. שרייבמאַן, ש. יודעוויטש, א. ברעסקי, פ. גאָלדפיין, לייוונטהענדלערלעוויצקי און מ. יאַנאָוויטש. דער געסטאַפּאָ־שעף האָט זיי געדראָט מיטן רעוואָלווער און באַשולדיקט זיי אין שטיין אין קאָנטאַקט מיט די פאַרטיזאַנער און געפאָדערט מ׳זאָל אים אַרויסגעבן זייערע נעמען. אין אַ קאַרגע שעה אַרום איז דאָס געטאָ אַרומגערינגלט געוואָרן מיט אַ שטאַרקע וואַך. ס׳איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל, אַז אַלע ראַט־מיטגלידער זאָלן זיך פאַרזאַמלען מאָרגן 6 אין דער פרי, וועלן זיי הערן דעם פּסק־דין. ווידער איז אַן אימה

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
פרוזשענע, בערעזע, מאלטש, שערשעוו, סעלץ ספר קהילה עמוד מס : 638 הודפס ע״י אוצר החכמה

באַפאַלן דעם געטאָ. אין דער שלאָפלאָזער נאַכט האָט געשוועבט דער געשפּענסט פון אומגליק.

צומאָרגנס, פּונקט זעקס פרי איז געקומען דער געסטאַפּאָ־שעף צום ראַט, ווו אַלע האָבן שוין געוואַרט. ער האָט געמאָלדן, אַז די איינוווינער פון עטלעכע גאַסן, 2.500 מאַן, דאַרפן זיין גרייט צו דער רייזע אין אַ פּאָר שעה־אַרום. זיי וועלן פאָרן קיין שלעזיע אויף אַרבעט. עס דאַרפן מיטגענומען ווערן אויך די אַלטע לייט, קינדער און קראַנקע. זיי מעגן מיטנעמען מיט זיך נאָר קליינע פּעקלעך, און ער האָט געראָטן מיטנעמען מיט זיך דאָס געלט, צירונג און די טייערסטע חפצים. אויף 400 פויערישע שליטנס, צו זעקס מאַן אויף אַ שליטן זענען פאַרלאָדן געוואָרן די מענטשן מיט זייערע פּעקלעך, אַוועקגעפירט געוואָרן צו דער באַנסטאַציע און פון דאָרט אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג. אין די קומענדיקע דריי טאָג איז יעדער טאָג אָפּגעשיקט געוואָרן אַ טראַנספּאָרט פון 400 שליטנס, צו זעקס מאַן אויף אַ שליטן. אַזוי האָט זיך דערנענטערט דער סוף פון דער פרוזשענער געמיינדע. אַלע זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן אין דער ריכטונג צו מערב.

בקיצור: דעם 28סטן יאַנואַר 1943 האָט זיך אָנגעהויבן די עוואַקואַציע פון די 10.000 ייִדן פאַרשלאָסענע אין פרוזשענער געטאָ (6.000 אָרטיקע, 2.000 געבראַכטע פון ביאַליסטאָק און 2.000 פון די אַרומיקע שטעטלעך — שערעשעוו, הייניאָווקע, ביאַלאָוויעזש, מאַלטש) און דעם 1טן פעברואַר 1943 זיך געענדיקט, און די שטאָט פרוזשענע איז געוואָרן ריין פון ייִדן. אַזוי איז אויסגעפירט געוואָרן נאָך אַ פּונקט פון גרויסן פּלאַן, וואָס ס׳האָט פאַר זיך אַוועקגעשטעלט דאָס דריטע רייך.

## די רייזע אין דער אומבאַקאַנטער ריכטונג

אויף דער אָראַנטשיצער (לינעווער) באַנסטאַנציע זענען די אַרויסגעטריבענע אַריינגעשפּאַרט געוואָרן אין פראַנצויזישע פראַכט־וואַגאָנען מיט דער אויפשריפט: 40 מאַן אָדער 8 פערד. אין יעדער וואַגאָן זענען אַריינגעשטופּט געוואָרן פון 120 ביז 150 מאַן. שוין ביים איינשטייגן אין די וואַגאָנען זענען געפאַלן אַ סך קרבנות, צווישן זיי — מיניע ברעסקי, 80 יאָר, די מוטער פון דעם באַריכט־אָפּגעבער. די ענגשאַפט אין די וואַגאָנען איז געווען אַ שרעקלעכע. די טירן זענען פאַרמאַכט געוואָרן אויף די ריגלען, און זענען געעפנט געוואָרן ערשט נאָך 48 שעה רייזע שוין אויף אַ מהלך פון 800 קילאָמעטער פון פרוזשענע. שוואַך איז דעם מענטשנס האַנט צו שילדערן די פּיינלעכקייט פון דער רייזע, צוליב דער גרויסער ענגשאַפט איז געווען פּלאַץ נאָר צום שטיין. אַלטע לייט און קינדער זענען דערשטיקט געוואָרן צוליבן מאַנגל פון לופט. נישט געקוקט אויפן פראָסט אין דרויסן, איז די היץ אין די וואַגאָנען געווען אַ שרעקלעכע. דער דורשט האָט געמאַטערט. דער געוויין פון די קינדער, דאָס קרעכצן פון די קראַנקע און דאָס זיפצן פון די זקנים האָבן געריסן דאָס האַרץ. דער געשטאַנק איז געווען אומדערטרעגלעך, ווייל די פיזיאָלאָגישע באַדערפענישן זענען געטון געוואָרן אין וואַגאָן. דער צוג האָט געדרייט צו מזרח, האָט אַלעמען אַרומגענומען אַ שרעק, ווייל עס זענען געגאַנגען קלאַנגען, אַז אין יענער ריכטונג זענען אַרויסגעפירט און אומגעבראַכט געוואָרן אַ סך ייִדן פון בריסק, סלאָנים, קאָברין און אַנדערע שטעט. פּלוצלינג איז דער צוג געבליבן שטיין, דערנאָך אַוועק אין דער ריכטונג צו מערב. ווידער האָט זיך אָנגעצונדן אַ פונק פון האָפענונג: אפשר פירט מען באמת די מענטשן קיין שלעזיע אויף אַרבעט. מ׳איז אָנגעקומען קיין וואַרשע און פאָרגעזעצט די רייזע צו מערב; מעגלעך אַז דער קאָמענדאַנט האָט געזאָגט אמת. שווער איז געווען איבערצוטראָגן די רייזע אין די דאָזיקע באַדינגונגען. פאַר אַ ביסל שניי פון דרויסן האָט מען אַוועקגעגעבן צירונג און גאָלדענע ציין. אַ סך זענען צעשטאָרבן אונטערוועגס.

און אָט האָט זיך דער צוג אָפּגעשטעלט, די טירן זענען ברייט געעפנט געוואָרן און די מענטשן האָבן איינגעאָטעמט פרישע לופט. ס׳איז געווען אָוונט־צו, אין מיטן אַ וואַלד נעבן אַ סטאַנציע פון דער אייזנבאַן, וואָס האָט געפירט צום קאָנצענטראַציע־ און פאַרניכטונגס־לאַגער אָשוויענטשים. דער פּלאַץ איז געווען אַרומגערינגלט פון ס.ס.־לייט מיט קוילנוואַרפער און אַנדערע געווער און הונדערטער הינט. רעפלעקטאָרן האָבן באַלויכטן די גאַנצע געגנט. ס׳איז באַפוילן געוואָרן אַרויסשטייגן פון די וואַגאָנען און די פּעקלעך איבערלאָזן אינעווייניק. דער לעדער ארעז האָט מיטגענומען אַ קליינטשיק פּעקעלע, איז ער דערפאַר מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ צעשלאָגן געוואָרן ביז בלוט. אויך דער רב דוד פייגנבוים איז געשלאָגן געוואָרן אויף אַן אכזריותדיקן אופן. די מענער האָט מען באַפוילן צו שטעלן זיך באַזונדער און די פרויען מיט די קינדער באַזונדער אויף אַן אָפּשטאַנד פון בערך 100 מעטער. די צעשיידונג פון די מענער מיט זייערע פרויען און קינדער איז באַגלייט געוואָרן פון שוידערלעכע האַרצרייסנדיקע געשרייען. אַן עלטסטער ס.ס.־מאַן איז געגאַנגען פאַרביי די רייען און אָנגעוויזן מיטן פינגער ווער ס׳זאָל בלייבן און ווער ס׳זאָל אַריבער אין אַן אַנדער ריי. די אויסגעקליבענע זענען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן אויסגעזען ייִנגער און שטאַרקער. אַזוי איז אויך געטון געוואָרן מיט די פרויען.

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
פרוזשענע, בערעזע, מאלטש, שערשעוו, סעלץ ספר קהילה עמוד מס: 639 הודפס ע"י אוצר החכמה

פון זיי זענען אויסגעקליבן געוואָרן נאָר אַזעלכע, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין קינדער אויף די הענט. ווען מ׳האָט באַמערקט, אַז עס ווערן אויסגעקליבן נאָר די יונגע און געזונטע, האָבן איי־ניקע מענטשן געפּרוּווט בגנבה אַריינשמוגלען זיך אין יענע רייען, אָבער ווער ס׳איז געכאַפּט געוואָרן איז געשלאָגן געוואָרן מכּות־רצח. בערך 300 מענער און 200 פרויען זענען אָפּגעקליבן געוואָרן פון יעדן טראַנספּאָרט פון 2.500 מאַן, און פון אַלע פיר טראַנספּאָרטן פון פּרוזשענע זענען אָפּגעקליבן געוואָרן 1.200 מענער און 800 פרויען. די איבעריקע, אַריינגערעכנט די קראַנקע און כויטע, זענען אָנגעלאָדן געוואָרן אין מאַסע־אויטאָס און אָבגעפירט געוואָרן קיין בירקענאַו, 1,5 קילאָמעטער פון דער באַנסטאַנציע. דאָס איז געווען זייער לעצטע ערדישע רייזע.

## דער פאַרניכטונגס־פּלאַץ.

אין מיטן פון אַ קליין בעראָזע־וועלדל איז געשטאַנען אַ געוויינלעך ווייס הויז, וואָס איז דורך די ס.ס. פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גאַזקאַמער. די פּראָצעדור איז געווען אַזאַ: די מענער און פרויען וואָס זענען געבראַכט געוואָרן אַהין, זענען אַלע צוזאַמען אַריינגעפירט געוואָרן אין אַ הילצערנעם פּאָדער־הויז, ווו זיי האָבן געדאַרפט אויסטון זייערע קליידער, און נאַקעטע זענען זיי אַריינגעשטופּט געוואָרן אין דער קאָמער, 2.000 מאַן פאַר איין מאָל. די טירן זענען הערמעטיש פאַרמאַכט געוואָרן, אַ ס.ס.־מאַן האָט דורך אַן עפענונג אין דאַך אַריינגעוואָרפן אינעווייניק פּושקעס מיט שטיק־גאַז און פאַרמאַכט די עפענונג. אין אייניקע מינוט אַרום זענען געעפנט געוואָרן די טירן, די טויטע גופים זענען אַרויסגעשלעפּט געוואָרן אין דרויסן און איידער זיי זענען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין ריזיקן גרוב, זענען אַרויסגעריסן געוואָרן די גאָלדענע ציין פון זייערע מיילער און ס׳זענען אָפּגעשוירן געוואָרן די האָר ביי די פרויען און קינדער. אין גרוב איז געלעגן ברען־האָלץ, די קערפּערס זענען באַשפּריצט געוואָרן מיט בענזין און אָנגעצונדן געוואָרן. דאָס איז געווען די נאָרמאַלע פּראָצעדור. די טראַנספּאָרטן וואָס האָבן נישט געוואָלט גיין מיט גוטן אין גאַז־קאַמער, זענען באַשטראָפט געוואָרן דערמיט, וואָס מ׳האָט אַריינגעוואָרפן אין קאַמער קליינע דאָזעס גאַז, כּדי די טויט־יסורים זאָלן דויערן לענגער. אַזוי איז געשען מיטן דריטן פּרוזשענער טראַנספּאָרט. אָנקומענדיק אויפן אָרט האָבן די מענטשן דערשפּירט דעם ריח פון געברענטן פלייש און זיך קעגנגעשטעלט. האָט מען אָנגערייצט אויף זיי הינט, זיי מערדערלעך געשלאָגן און לסוף זיי אונטערגעוואָרפן אַ לאַנגזאַמער גסיסה, וועלכע האָט זיך געצויגן דריי שעה. דאָס איז געשען מיטאָג־צייט, דעם 1טן פעברואַר 1943.

אויף אַזאַ שטייגער איז פאָרגעקומען די פאַרניכטונג ביז מערץ 1943, ווען ס׳האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן די גרויסע קרעמאַטאָריעס, וועלכע זענען צו דער דאַטע פאַרטיק געוואָרן. פון דרויסן האָבן זיי אויסגעזען ווי פאַבריקן אָדער מאָדערנע בעדער, און די מענטשן, וואָס זענען אַהין געפירט געוואָרן, האָבן ביז דער לעצטער רגע נישט פאַרשטאַנען וואָס זיי דערוואַרט. אין די גרויסע צימערן זענען געווען אויפשריפטן, וואָס האָבן אָנגעזאָגט אַז יעדער זאָל אויפלייגן אין אָרדענונג די בגדים וואָס ער טוט אויס און צונויפבינדן די שיך, כּדי ער זאָל עס לייכט געפינען אַרויסקומענדיק פון דער באָד. יעדער האָט באַקומען אַ האַנטוך מיט אַ שטיקל זייף. די מענטשן זענען אַריינגעפירט געוואָרן אין אַן אונטערערדישן צימער, וואָס אויף זיין טיר איז געווען די אויפשריפט „באָד“. ווען דער צימער איז פול געוואָרן, זענען די טירן פאַרמאַכט געוואָרן הערמעטיש. דער צימער האָט אַריינגענומען בערך 3.000 מאַן. פון סופיט זענען אַראָפּגעהאָנגען טושערן, אָבער אַנשטאָט וואַסער האָבן זיי אַריינגעלאָזן אין צימער אַ גיפטיקן גאַז מיטן נאָמען „ציקלאָן“. דער דאָזיקער גאַז פלעגט געבראַכט ווערן קיין אָשוויענטשים אין וואַגאָנען פון האַמבורג. נאָכן פאַרגיפטיקן די מענטשן, זענען זייערע גופים אַרויסגעהויבן געוואָרן מיט עלעקטרישע ווינדעס און אַרויסגעלייגט געוואָרן אויפן הויף פון קרעמאַטאָריום, ווו מ׳האָט זיי אַרויסגעריסן די גאָלדענע ציין און אָפּגעשוירן די האָר ביי די פרויען און קינדער. דערנאָך זענען די מתים געלאָדן געוואָרן אויף וואַגאָנעטקעס, צוויי דערוואַקסענע און איין קינד אויף אַ וואַגאָנעטקע, און אַריינגעפירט געוואָרן אין אויוון. די היץ אין די אויוונס איז געווען אַ מעכטיקע און די קערפּערס זענען פאַרברענט געוואָרן אין דער רגע. דעם אַש האָט מען פאַרגראָבן אין גריבער. אַזוי האָט זיך געפירט ביז אויגוסט 1944, ווען די רויטע אַרמיי האָט אָנגעהויבן די אָפענסיווע אויף וואַרשע־קראָקע. דעמאָלט האָט מען גענומען עפענען די גריבער, און נאָכן צעמאָלן די רעשטלעך ביינער איז דער אַש געלאָדן געוואָרן געוואָרן אין פּראַכט־אויטאָס, אַוועקגעפירט געוואָרן צו דער ווייסל און אַריינגעשאָטן אין וואַסער. ווייזט אויס, אַז די מערדער האָבן געוואָלט פאַרווישן די שפּורן פון זייערע פאַרברעכנס.

די גרעסטע טייל אַרבעט וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דער פאַרניכטונג, איז אויסגעפירט געוואָרן דורך די אָפּגעקליבענע איינגעשלאָסענע יידן. די גרופּע האָט געהייסן „זאָנדער־קאָמאַנדע“. זומער

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
פרוזשענע, בערעזע, מאלטש, שערשעוו, סעכץ ספר קהילה עמוד מס : 640 הודפס ע״י אוצר החכמה

1944 זענען צוגעטיילט געוואָרן צו דער גרופּע אייך 19 רוסן. די אַרבעטער פון דער קאָמאַנדע האָבן לאַנג נישט געצויגן. נאָכן אָפּאַרבעטן אַ קורצע צייט זענען זיי אַריבערגעפירט געוואָרן אין אַנדערע לאַגערן און דאָרט פאַרניכטעט געוואָרן. די אַרבעטער פון דער „זאָנדער־קאָמאַנדע" האָבן באַקומען בעסערע שפּייז און גוטע זאַכן, אָבער קיינער האָט זיך צו דער דאָזיקער אַרבעט נישט אָנגעבאָטן פריוויליק. אַלע זענען דערצו געצוווּנגען געוואָרן. בעת ס'האָבן אָנגעהויבן אָנקומען קיין אַשוויענטשים די גרויסע טראַנספּאָרטן אונגאַרישע ייִדן, האָט די „זאָנדער־קאָמאַנדע" געציילט ביז 1.000 מאַן. אין דער צווייטער העלפט פון 1944 האָבן זיך אָפּגעשטעלט די דאָזיקע טראַנספּאָרטן. אין איינעם פון די טעג איז געקומען דער קאָמענדאַנט און אָפּגעקליבן פון דער „קאָמאַנדע" ביי אַ 300 מאַן פיזיש שוואַכערע, כלומרשט כדי אַריבערצופירן זיי צו לייכטערע אַרבעט. זיי האָבן פאַרשטאַנען דעם אמתן מיין און געווּסט וואָס זיי דערוואַרט. ווען מ'איז געקומען צונעמען די ערשטע גרופּע 100 מאַן, האָבן זיי זיך קעגנגעשטעלט און אונטערגעצונדן דעם קרעמאַטאָריום נומער 3. ווען די אַרבעטער פון קרעמאַטאָריום נומער 1 , אין דער צאָל פון 150, צוזאַמען מיט די 19 רוסן האָבן דערזען דעם פייער, זענען זיי אָנגעפאַלן אויף די ס.ס.־לייט, זיי אַנטוואָפנט און דעם אויפזעער — „קאַפּאָ" —אַ דייטש (פון די אַרעסטירטע), אַריינגעוואָרפן אין אויוון. דערנאָך האָבן זיי איבערגעשניטן די עלעקטריזירטע דראָטן פון זייער לאַגער און פון שכנותדיקן פרויען־לאַגער און אַלע האָבן גענומען אַנטלויפן. תיכף זענען אַלאַרמירט געוואָרן די ס.ס.־לייט פון די לאַגערן, וואָס האָבן געציילט אין די טויזנטער, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געיעג נאָך די אַנטלאָפענע. פון די קוילן זענען געפאַלן אַרום 300 מאַן. די ס.ס. האָבן געהאַט צען טויטע. די 19 רוסן, וואָס זענען געווען די אָנרעגער צום אויפשטאַנד זענען אַלע געפאַלן.

## דער גורל פון די אָפּגעקליבענע

אומגעפער אַ פינפטל פון די טראַנספּאָרטן, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן קיין אַשוויענטשים, איז באַשטימט געוואָרן אַריבערגעפירט צו ווערן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער צו אַרבעט. אַלץ וואָס זיי האָבן געהאַט איז ביי זיי צוגענומען געוואָרן. נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך געוואַשן אין אַ באָד און מ'האָט זיי אָפּגעשוירן די האָר, דער עיקר די פרויען, האָט מען זיי געגעבן צעפליקטע אַרעסטאַנטן־קליידער, הילצערנע שיך, אַ פּאָר צעריסענע וועש. נישט געקוקט אויפן פראָסט, האָט מען מען נישט געגעבן קיין אויבער־בגד און נישט קיין היטל. ביי יעדן איז אויסגעבערענט געוואָרן אַ לויף־נומער אויפן לינקן אָרעם. די עלטסטע פון די באַראַקן, די עלטסטע פון דער הויז־דינסט — אַלע אַרעסטירטע — האָבן זיך באַצויגן צו די מענטשן ברוטאַל און אַכזריותדיק. באַוואָפנטע מיט שטעקנס, האָבן זיי געשלאָגן יעדן וואָס איז זיי אָנטקעגנגעקומען. ווער ס'האָט בעסער געשלאָגן איז געווען מער אָנגעלייגט. די איינגעשלאָסענע זענען געשלאָפן אויף הילצערנע ברעטער. די שפּייז־פּאָרציע איז געווען קליין און זייער שלעכט, אָבער דאָס איז אויך אינגאַנצן נישט אָנגעקומען צו די אַרעסטירטע, ווייל די לעצטע פלעגן אַראָפּגנבענען אַ היפּשע טייל. די ערשטע זעקס וואָכן נאָכן אָנקומען אין לאַגער האָט מען די מענטשן געהאַלטן אין דרויסן אויפן פראָסט, אונטערן שניי. שוין די ערשטע טעג זענען געפאַלן אַ סך, וואָס האָבן נישט געקענט אַריבערטראָגן די קעלט און די קלעפּ. אַ סך זענען שווער־קראַנק געוואָרן. די דאָזיקע זענען צוגענומען געוואָרן אין אַזוי גערופענעם „שפּיטאָל". אָבער זיי איז נישט געגעבן געוואָרן קיין שום הילף און נישט קיין עסן. נאָכן אָפּזיין דאָרטן עטלעכע טעג, זענען זיי נאָך לעבעדיקע צוגענומען געוואָרן אין די גאַז־קאַמערן. צווישן די וואָס זענען אויף דעם אופן אומגעקומען אין די ערשטע טעג זענען געווען: שלמה יודעוויטש, זישע ספּעקטאָר, דער לערער לעווין, וועווע ניצבערג, ד"ר שטרייכער, זעליק פּאָמעראַניעץ, יוסף קאַנעל און סאַנע קליינערמאַן. אין די ערשטע זעקס וואָכן זענען געפאַלן ביי 300 מאַן פון די 1.200 מענער און נאָך אַ גרעסערער פּראָצענט פון די פרויען, וואָס זענען גענומען געוואָרן אין לאַגער פון די פיר פרושענער טראַנספּאָרטן.

דער גורל פון די פרויען איז געווען נאָך שווערער; זיי זענען מיט גרויס אכזריות געשלאָגן געוואָרן פון די אויפזעערינס־אַרעסטאַנטקעס. אַ סך פון די פרויען זענען פרייוויליק אַוועק אין די גאַז־קאַמערן. ד"ר ליזע מעשענגיסער האָט נישט געקענט אַריבערטראָגן די לײַדן, און ווען ס'איז געקומען דער דאָקטער אויסקלייבן די מענטשן צום פאַרגאַזן, האָט זי אים געבעטן, ער זאָל זי אויך שיקן. ער האָט איר בקשה דערפילט. אַזוי האָט אויך אַליין געבעטן דעם טויט די טאָכטער פון יצחק יאַנאָוויטש, אַ מיידל פון 17 יאָר. געענדיקט דער קאַראַנטין־פּעריאָד — די ערשטע זעקס וואָכן — זענען די מענטשן אַריבערגעפירט געוואָרן אין די לאַגערן ביי בירקענאַו. דאָס זענען געווען אַרבעט־לאַגערן, אַ סך אין דער צאָל. די אַרבעט איז געווען שווער און אויסמאַטערנדיק און האָט זיך געצויגן פון באַגינען ביז נאָך זון־אונטערגאַנג. די שפּייז־פּאָרציע אַ נישטיק־קליינע: 200 גראַם ברויט און

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
פרושענע, בערעזע, מאלטש, שערשעוו, סעלץ ספר קהילה עמוד מס: 641 הודפס ע"י אוצר החכמה

זופּ (טוכלע וואַסער) אַ טאָג. די סאַניטאַרע באַ־דינגונגען שוידערלעכע. ווען ס׳האָט זיך דערנענ־טערט די שעה פון באַפרייונג, זענען פון די 2.000 מענער און פרויען אָפּגעקליבענע אין אַרבעט־לאַגער איבערגעבליבן נאָר אַ 100, צווישן זיי אַ 10 פרויען. אייניקע פון די איבערגעבליבענע זענען געשטאָרבן נאָענט צו דער שעה פון דער באַפרייונג אָדער אין די ערשטע טעג נאָך דער באַפרייונג, ווי למשל, סיאָמע סעלעצקי, אַסיע זעלעניעצקי, ד״ר כאַבאַ־וויצקי און משה זוסקאָוויטש.

פון די מיטגלידער פון פרושענער יודענראַט זענען לעבן געבליבן נאָר צוויי: אַברהם ברעסקי און זאַוול סעגעל; פון אַלע דאָקטוירים — נאָר ד״ר אַליע גאָלדפיין; אַלע אַדוואָקאַטן, לערער אינטעלעק־טואַלן און כלל־טוער זענען אומגעקומען. פון אַלע קינדער ביז 16 יאָר, וואָס זייער צאָל איז געווען איבער 2.000, איז כמעט קיין נפש נישט גע־בליבן.

די דאַטעס, ווען ס׳איז אומגעבראַכט געוואָרן די פרושענער יידישע באַפעלקערונג לויט די טראַנס־פּאָרטן, זענען:

| | | | |
|---|---|---|---|
| ערשטער | טראַנספּאָרט — | כ״ד שבט תש״ג — | 30.1.43 |
| צווייטער | „ — | כ״ה „ „ — | 31.1.43 |
| דריטער | „ — | כ״ו „ „ — | 1.2.43 |
| פערטער | „ — | כ״ז „ „ — | 2.2.43 |

## דער פאַרניכטונגס־לאַגער אין אָטשוויענטשים

אָשוויענטשים ליגט אויף דער פּויליש־דייטשי־שער גרענעץ פון 1939, נאָענט פון דער ליניע קאַ־טאָוויץ־קראָקע. קורץ נאָך דער אָקופּאַציע פון פּוילן האָבן די דייטשן פאַרוואַנדלט די דאָרטיקע קאַזאַר־מעס אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. די ערשטע פאַרשפּאַרטע זענען געווען פּאָליאַקן און דייטשן. אין דער צווייטער העלפט פון 1941 האָט מען גע־בראַכט אַהין רוסישע קריגס־געפאַנגענע און זיי האָבן עס אויסגעבויט די אָפּטיילונג אין בירקענאַו, וואָס האָט געהייסן לאַגער נר׳ 2. בעתן בויען דעם לאַגער זענען דאָרט אומגעקומען אַ סך רוסן. דער לאַגער (נר׳ 2) אין בירקענאַו איז באַשטאַנען פון זעקס באַזונדערע לאַגערן אַרומגעצוימטע מיט עלעקטריזירטע דראָט. יעדער לאַגער איז באַשטאַ־נען פון 35 באַראַקן אָן פענצטער, ענלעך צו פערד־שטאַלן. געווײנלעך האָבן באַוווינט יעדן באַראַק פון 300 ביז 400 מאַן. ווען ס׳פלעגן אָנקומען אַ סך טראַנספּאָרטן פלעגט מען אין יעדן באַראַק, וואָס האָט געהאַט 30 מעטער די לענג און 10 די ברייט, אַריינשטופּן ביז 1.000 מאַן, רעכטס פון די זעקס לאַגערן זענען געשטאַנען די קרעמאַטאָריומס. זיי־ער צאָל איז געווען 4 און אין יעדן 12 גרויסע אויוונס. דאָרט איז אויך געווען די באָד און די סקלאַדעס, ווו מ׳האָט צוניפגעלייגט, סאָרטירט און געצײלט די בגדים און חפצים פון די מענטשן וואָס מ׳האָט אַהין געבראַכט. דאָרט איז אויך געווען דער קאָנצענטראַציע־לאַגער פאַר פרויען, ווו ס׳זענען געווײנלעך געהאַלטן געוואָרן בערך 30 טויזנט פרוי־ען. איבער די אַלע לאַגערן האָבן געהאַט די אויפ־זיכט און שמירה די ס.ס.־לייט.

ווי אַ המשך פון פאַרניכטונגס־פּלאַן איז מען צוגעטראָטן צו בויען דעם לאַגער נר׳ 3, וואָס איז אין זיין פאַרנעם געווען גרעסער ווי די ערשטע צוויי לאַגערן צוזאַמען. נאָכן אויפשטעלן די באַ־ראַקן האָט מען די אַרבעט אָפּגעשטעלט. דאָס איז געווען אין דער צווייטער העלפט 1944, ווען די רויטע אַרמיי האָט זיך גענומען דערנענטערן צו דער געגנט.

די אינערלעכע אָנפירונג אין לאַגער איז איבער־געגעבן געוואָרן צו די אַרעסטירטע אונטער דער אויפזיכט פון די ס.ס. ס׳איז געווען אַן עלטסטער פון לאַגער, אַן עלטסטער פון באַראַק און די הויז־דינסט, וואָס זייער אויפגאַבע איז געווען רייניקן דעם באַראַק, טיילן דעם עסן, פירן די רשימות אא״וו. — ביי דער אַרבעט איז געווען אַן עלטסטער איבער יעדע 100 מאַן; דער האָט געהייסן „קאַפּאָ״. איבער יעדע 20 מאַן איז געווען אַ הויפּט־אַרבע־טער. זייער אויפגאַבע איז געווען אַכטונג געבן מ׳זאָל אַרבעטן און אויספירן די אָנווייזונגען. זיי זענען געווען באַוואָפנט מיט שטעקנס און זיי האָבן אכזריותדיק געשלאָגן ווען ס׳האָט זיך זיי גע־גלוסט. אין אָנהייב פון 1943 זענען די דאָזיקע עלטסטע באַשטימט געוואָרן פון צווישן יענע, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייערע סאַדיסטישע נייגונגען. דער עלטסטער פון לאַגער, ווו ס׳זענען געווען איינגעשלאָסן די פרושענער איז געווען אַ פאַרפעסיאָנעלער פאַרברעכער, האָט געשטאַמט פון דייטשלאַנד. זיין סאַדיזם און אכזריות האָט צו זיך קיין גלייכן נישט געהאַט.

פון זינט די רויטע אַרמיי האָט אָנגעהויבן די אָפענסיווע און גענומען גיין פון זיג צו זיג, אַלץ שוואַכער איז געוואָרן די אכזריות פון די עלטסטע. די זאַך איז דערגאַנגען אַזוי, אַז נייע מענטשן מיט אַ לייטישערן אויסזען זענען באַשטימט געוואָרן אויפן אָרט פון די סאַדיסטן און שלעגער. זייער פאַרריסנקייט האָט אָנגעהויבן זיך צערינען צוזאַ־מען מיט דער פאַרטונקלונג פון דער זון פון דייטש־לאַנד.

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
פרושענע, בערעזע, מאלטש, שערשעוו, סעלץ ספר קהילה עמוד מס: 642 הודפס ע"י אוצר החכמה

בערל קירשנער

# פון פּרוזשענע צו פּאַרניכטונג*)

## אַ ר יי נ פ י ר

...21טער יוני 1941.

ס'איז געווען אַ שיינער זומערדיקער טאָג. די גאַסן פון פּרוזשענע זענען געווען פּוסט. דאָס גאַנצע ייִדישע שטעטל האָט מיט ציטער אָפּגעוואַרט דאָס אַריינמאַרשירן פון דייטשן מיליטער.

דער דייטשער אַריינמאַרש האָט זיך אָנגעהויבן אין די נאָכמיטאָג שעהן. קיינער פון די ייִדישע איינוווינער האָבן זיך נישט באַוויזן אויפן גאַס. קריסטלעכע איינוווינער וועלכע האָבן זיך אַרומגעדרייט איבער די גאַסן, האָבן באַקומען בלומען פון די דייטשע פאַרפּאָסטנס, בכדי מיט זיי מקבל־פּנים זיין דאָס מאַרשירנדיקע מיליטער.

די אונטערוועלט פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג, וואָס זענען געווען „ברייט" באַקאַנט די ייִדן פון פּרוזשענע, האָבן זיך די ערשטע פאַרבונדן מיט די דייטשע „באַפרייער". אין זייערע הענט איז טאַקע איבערגעגעבן געוואָרן דער גורל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג. תּיכּף האָבן זיי זיך גענומען צו דער רויב־מלאכה. טאָג און נאַכט, גערויבט, געשלאָגן, פאַרגוואַלדיקט, געריסן בערד. שרעקלעך זענען געווען די נעכט; גוואַלדן און געשרייען, זענען געקומען פון אויפגעריסענע הייזער. ייִדיש פאַרמעגן און לעבן זענען געוואָרן הפקר. אַלט איינגעזעסענע איינוווינער מיט דורות־לאַנגער טראַדיציע, האָבן זיך פלוצלונג דערפילט אינמיטן אַ ים פון שונאים. די אַרטיקע קריסטלעכע באַפעלקערונג, וואָס האָט געפונען אַ טרייסט אין דעם, וואָס דעם שכן, דעם ייִד איז נאָך ערגער, האָט שנעל געפונען אַ בשותּפותדיקע שפּראַך מיטן אָקופּאַנט און זיך באַמיט, וואָס מער צו געניסן פון די ייִדישע פּיינען.

ווען עס איז אָנגעקומען די ציווילע „דייטשע מאַכט איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דער ערשטער באַפעל צו טראָגן געלע לאַטעס. אונטער דער דאָזיקער גזירה זענען אַרונטערגעפאַלן אַלע ייִדן, אָנהייבנדיק פון צען יאָר אַלט. אָפּצוהיטן דאָס אויספירן פון דעם דאָזיקן באַפעל איז איבערגעגעבן געוואָרן דער אַרטיקער פּאָליציי, וואָס האָט זיך רעקרוטירט פון די היגע קריסטלעכע איינוווינער.

בערך דריי חדשים נאָכן אַריינמאַרש פון די דייטשן האָט זיך אָנגעהויבן דאָס שאַפן פון דעם פּרוזשענער געטאָ. ייִדן האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוקריכן פון זייערע באַהאַלטענע קעלערן און לעכער און זיך געשטופּט אין די גרענעצן פון געטאָ. דער געטאָ האָט אַרומגענומען די שמאָלע געסלעך אַרום שול־הויף, אַריינגערעכנט די דריי אָפּגעשניטענע גאַסן — די סעלצער, קאָברינער און שערשעווער (בריסקער). אין די ענגע גרענעצן פון געטאָ זענען אַריינגעקוועטשט געוואָרן חוץ די פינף טויזנט ייִדן פון שטאָט, אויך די ייִדישע איינוווינער פון די אַרומיקע ישובים ווי: שערשעוו, פּאָפּעלעווע, מאַלטש און אַנדערע ישובים, וואָס זענען געקומען אין געטאָ אַריין זיך צייטווייליק „ראַטעווען".

אַ גאַנצן טאָג האָבן די גאַסן געפּוסטעוועט. פון צייט צו צייט פלעגן זיך באַווייזן אין די ייִדישע געטאָ־גאַסן אַ פּאָר געשטאָפּאַניקעס, וואָס זענען געפירט געוואָרן דורך אַ יונגן קריסט, דעם זון פון פּאַנטשאַר, וואָס האָט געוווינט הינטער די מאָגילקעס. ביי איינעם אַזאַ „באַזוך" זענען אַרעסטירט געוואָרן די ערשטע 15 ייִדן פון געטאָ, וואָס זענען טאַקע געווען די ערשטע קרבנות.

דאָס גאַנצע לעבן אין געטאָ האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום אַרבעטס־אַמט, איינגעפירט דורכן פּרוזשענער איינוווינער לייבל גאָלדבערג. דאָס אַוועקגיין און קומען פון דער אַרבעט האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון אַלע געטאָ־איינוווינער. די אַרבעטער זענען באַגלייט געוואָרן צום געטאָ־טויער און פאַרנאַכט האָבן ייִדישע מאַמעס אויסגעקוקט מיט פאַרזאָרגטע פּנימער דעם צוריקקער פון זייערע קינדער. יעדער טאָג האָט געבראַכט טרויע־

*) פראַגמענטן פון אַ בוך אין מאַנוסקריפּט.

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
פרוזשענע, בערעזע, מאַלטש, שערשעוו, סעלעץ ספר קהילה עמוד מס : 643 הודפס ע"י אוצר החכמה

עריקע נייס — געשלאָגענע, צעבלוטיקטע, אומגליקס־און טויט־פאַלן.

**
*

...ראש־השנה תש"ג. אויסערלעך איז דער טאָג געווען ווי אַלע אַנדערע טעג אין געטאָ; די זעלבע דראָטן און וואַך־פּאָסטנס, די איינוואוינער פאַרשפּאַרטע אין זייערע הייזער האָבן אַרויסגעקוקט דורך די פענסטער.

ווי אויף להכעיס איז דער טאָג געווען א זוניקער. אין די הייזער, הינטער די פאַרהאַנגענע פענצטער האָט זיך אַ הייליקייט אַראָפּגעלאָזן; די וויינענדיקע מאַמע איז געשטאַנען ביי די ברענענדיקע ליכט, די יידישע קינדערלעך האָבן די ערשטע דערפילט דאָס אָנקומען פון ימים־נוראים און זענען זיצן געבליבן אויף זייערע ערטער ווי זיי וואָלטן געוואַרט אויף א ווייטערדיקן באַפעל. אַ מורא האָט אַרומגעכאַפּט די יידישע קינדער אין אַנבליק פון דער אַרומיקער וואַך און שטעכעדיקע דראָטן. וואָספאַרא זינד זענען זיי באַגאַנגען? פאַרוואָס איז זיי באַפאַלן אַזאַ שרעק? אפשר זעען זיי טאַקע אין זייער קינדערשער פאַנטאַזיע די שוידערלעכע שטראָף און זיי ציטערן, די משהלעך און שלמהלעך, היינט אינעם טאָג פון יום־הדין, ווען ס'דאַרף פאַלן דער אורטייל: מי בחרב ומי ברעב, מי במים ומי באש? זיצן זיי מיט אויסגעבלייכטע פּנימער און קוקן שטייף אין די אויגן פון טאַטע־מאַמע, ווי זיי זאָלן פרעגן: וועט דער נייער יאָר ברענגען נאָכמער שלעכטס? אָדער גאָר א גאולה שלמה?

מיט טליתים פאַרשטעקט אונטערן בגד שלייכן זיך יידן דורך די שמאָלע געטאָ־געסלעך; פאַרביי די דראָטן אונטער שטעכעדיקע בליקן פון די דייטשע און פוילישע וואַך־פּאָסטנס גייען זיי אין דער ריכטונג צום גרויסן בית־המדרש אויפן שול־פּלאַץ. דער איינציקער בנין אין תחום פון געטאָ, וואָס איז נאָך ביז דאַן געבליבן נישט באַוווינט דורך יידן.

אין אַלטן בית־המדרש האָט זיך צוזאַמענגעקליבן אַ קליין הייפל יידן. איבערגעדעקט מיט טליתים זענען די פּנימער געווענדט צו מזרח. פון צייט צו צייט וואַרפן זיי זייערע בליקן צו די האַלבפאַרטונקלטע פענסטער — אפשר קומט אָן אַ פרעמדער. כאָטש פון פאַרנט, א פאָר געביידעס פון בית־המדרש איז געשטאַנען אַ אייגענע וואַך און אַכטונג געגעבן, אז אין פאַל ווען ס'וועט זיך באַווייזן אַן ס.ס.־מאַן, זאָל ער געבן צו וויסן די מתפללים — האָט דאָך די אומרויקייט געהערשט צווישן די אָנגעשראָקענע יידן. דער רב איז לשם זיכערקייט געבליבן אין שטוב. א שטיל געוויין רייסט זיך פון יעדנס האַרצן, וואָס ווערט פאַרוואַנדלט אין א גרויסן ווי־געשריי צום אלמעכטיקן. אין יאָמערלעכן געוויין רייסן זיך די ווערטער, וועלכע ווערן יאָר־איין יאָר־אויס אונטערגעטראָגן צום רבונו־של־עולם.

דער אמאַליקער גרויסער בית־המדרש, וואָס פלעגט אין אַ נאָרמאַלן ראש־השנה אַריינגעמען אין זיך טויזנטער יידן האָט דאָס מאָל קוים צונויפגעקליבן אַ פאָר מנינים יידן.

צענדליקער "מנינים" זענען איינגעאָרדנט געוואָרן אין פאַרשיידענע ערטער, פאַרשטעקט אין חדרי חדרים, אז קיין פויגל זאָל נישט וויסן און זיי האָבן אין דער שטיל פאַרגאָסן ימים טרערן, מיט האַרצרייסנדיקע תחנונים... דורך די פאַרמאַכטע לאָדנס האָט זיך פון צייט צו צייט דערטראָגן אַ שטילער געוויין, אַ פאַרשטיקטער געבעט "פאַרגיב אונדז די זינד און לאָז לעבן אונדזערע אומשולדיקע עופהלעך"...

די יונגע זענען ווי יעדן טאָג אַוועק צו דער אַרבעט.

דער געטאָ איז ווי פאַרשטומט געוואָרן, דאָס לעבן איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. דער העכסטער שופט דאַרף היינט משפטן. זיצן אַלטע מאַמעס פאַרשלאָסן אין זייערע ד' אמות און זאָגן אַ גאַנצן טאָג תפילות.

מאַמעס האָבן נאָך שטאַרקער געדריקט צו זיך זייערע אומשולדיקע קינדערלעך, הייס באַדעקט זיי מיט טרערן און אין האַרצן געטראָגן א קללה צו די באַצווינגער און מערדער. דער שופר־רוף האָט נאָך בולטער געמאַכט די טיפע וווּנד. ביי יעדער תקיעה, וואָס האָט נישט געטאָרט דורכדרינגען דורך די פאַרמאַכטע לאָדנס, האָט זיך פון איינגעשרומפענע הערצער אַרויסגעריסן ווי מיט פרעמדע קולות אַ הייסער רוף: הער צו גאָט, אונדזער געשריי, דו אַב הרחמים.

יידן האָבן בשעתן דאַווענען געחלשט און פרויען האָבן ספּאַזמירט. דער גאַנצער ווייטיק און צער האָט זיך אָנגעזאַמלט אין די ענגע צימערלעך פון די מתפללים. די איבערמענטשלעכע איבערלעבונגען האָבן געפונען אַ תיקון אין מחזור.

**
*

...די כסדרדיקע "זויבערונגס־אַקציעס" מצד די דייטשע פאַרניכטונגס־באַטאַליאָנען האָבן אויסגעליידיקט פון יידן דעם גאַנצן אַרומיקן געגנט. פּרושענער געטאָ איז געבליבן ווי אַן אינדזל אין דער גויישער סביבה. אַ געטאָ, אָפּגעשניטן פון דער וועלט, אַרומגעצוימט מיט דראָטן, וואָס זענען פון טאָג פון זייער אַנטשטיין דריי מאָל "מאָדערניזירט" געוואָרן און לסוף געפלאָכטן אין זיגזאַגן.

אין דעם תחום האָבן יידן זיך באַוועגט, גע־

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
פרושענע, בערעזע, מאלטש, שערשעוו, סעלץ ספר קהילה עמוד מס: 644 הודפס ע"י אוצר החכמה

אַרבעט און אויפגעשטאַנען לויט אַ באַפעל. האָבן געוואַרט אויפן ענדגילטיקן טאָג, ווען דאָס אַלץ וועט מיט איינמאָל פאַרשווינדן ווי אַ שלעכטער חלום.

אין די טויזנטער ייִדן, וואָס האָבן אָנגעפילט די האַלב איינגעפאַלענע געטאָ־הייזער און געטאָ־לעכער האָבן טייל געפּרוּווט זייען אַ גלויבן, אַ בטחון: „פּרוזשענע וועט דער אַלגעמיינער אומגליק אויסמיידן, ווייל זיי וועלן שוין נישט באַווייזן“... און אַ „בולטן“ סימן האָבן זיי געהאַט: אויף אַ שטח פון הונדערטער קוואַדראַט קילאָמעטערס איז יעדער ייִדישער זכר אָפּגעמעקט געוואָרן און נאָר „אויסדערוויילטע“ ייִדן פון יענע וויסטע געגנטן ווערן געבראַכט אין פּרוזשענער געטאָ. ייִדן אין געטאָ האָבן געשאַפן וואָס מערער, געצאָלט פּינקטלעך קאָנטריבוציעס אין געלט, גאָלד און זילבער. וואָרשטאַטן האָבן אויסגעפּערטיקט וואַרעמע זאַכן, וואָלענע שקאַרפּעטן און פוטערלעך. מען האָט געפּרוּווט באַרעכטיקן די אַרבעט: אפשר וועט דאָס ברענגען דעם דערוואַרטעטן נס פון גאולה.

אַ פלוצלונגדיקע אַנטוישונג האָט אויפגעוועקט דעם געטאָ־ייִד פון זיין לעטאַרגישן שלאָף.

הונדערטער שוץ־פּאָליציאַנטן, אַ געמיש פון דייטשע און פּוילישע פּריוויליקע, האָבן אַרומגערינגלט דעם אַזוי אויך באַפעסטיקטן געטאָ־צוים. דער פּאַרקער מיט דער אַנדערער זייט שטאָט, אַ זאַך, וואָס איז אויך פריער געווען שטאַרק באַגרענעצט, איז אינגאַנצן אָפּגעשטעלט געוואָרן. אַ פראַגע, וואָס האָט שוין מאָנאַטן־לאַנג געעגבערט יעדנס מוח איז אַרויפגעשווומען: וואָס הייבט מען אָן צו טאָן? ווי אַזוי ראַטעוועט מען זיך?

די געטאָ־איינוווינער, וועלכע האָבן נעכטן געפירט אַ קאַמף פאַר זייער זעלבסטדערהאַלטונג, אַ קאַמף מיטן הונגער, האָבן דערשפּירט אַן אָנקומענדיקע צרה, — דעם טאָג פון אומקום, „אַז אויך מיר קענען נישט זיין בעסער ווי די ייִדן פון אַרום, וועמען דער גורל האָט שוין לאַנג געטראָפן“.

פון מויל צו מויל האָבן זיך געטראָגן די ווערטער: און וואָס ווייטער? אפשר מאַכן צוגרייטונגען... אונטערצינדן דעם געטאָ?... אָרגאַניזירן זיך און שטעלן אַ ווידערשטאַנד דעם בלוטיקן שונא?.. זיך פאַרטיילן אין קוואַרטאַלן, וואָס וועט לייכטער מאַכן די פאַרטיידיקונג קעגן די אַריינדרינגער?... און.... צוליב וואָס האָבן מיר געוואַרט ביז איצט...

טויזנטער אַזעלכע פראַגן האָבן געעגבערט דער קאַמפּסלוסטיקער יוגנט, וועלכע איז אָבער געווען מאַכטלאָז, אָן וועלכע ס׳איז צוגרייטונגען אויפצונעמען אַ קאַמף. דערפאַר האָט זיך אָבער אָנגעהויבן אונטער די הייזער אַ פיבערהאַפטע „אונטערערדישע“ אַרבעט. צענדליקער און אפשר הונדערטער קאַנאַלן און סתם גריבער זענען דורכגעפירט געוואָרן אונטער דער ערד מיט אויסטערלישע שטאַרק־מאַסקירטע דורכגענג. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ געוועט־געיעג: ווער וועט שאַפן אַ בעסערן און זיכערן מקום־מקלט אונטער דער ערד. אַנדערע האָבן זיך געגרייט אין וועג אַריין, אויף דער אַנדערער זייט, אין ריכטונג פון די אַרומיקע גרויסע וועלדער.

אַ מרה־שחורה האָט זיך אַראָפּגעלאָזן איבערן געטאָ. דער טויט־געשפּענסט האָט אַלעמען אַרויסגעיאָגט אויפן גאַס און נישט געלאָזט רוען. אַלטע ייִדן האָבן זיך פאַרשלאָסן אין זייערע ענגע ד׳ אַמות און געזאָגט אָן איבעררייס תהילים און געפּרוּווט אַזוי אַרום אָפּשרייען די גזירה. יונגע האָבן געבלאָנקעט איבער די גאַסן, סודותדיק געזוכט אַ רעטונג, נאָכגעקוקט, וואָס עס טוען אַנדערע און געשאַפן פּלענער, ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען פון דער פאַרמאַכטער שטייג.

די פּליטים־גאַס, פּאַטאַפּוּווקע, איז שטאַרק באַלעבט געוואָרן. דורך די שמאָלע, אַרומיקע געסלעך, צווישן די איינגעזונקענע הייזקעס מיט די שטרויענע דעכער, האָבן געשטראָמט הונדערטער געטאָ־ייִדן צום אָפענעם פעלד, ווו עס ציען זיך די דראָטן. די געסלעך, ווו דער הונגער האָט כסדר געוועלטיקט, און די הייזקעס, וווּהין ס׳האָט זיך אַריינגעכאַפּט לייכטזין און געפאַלנקייט צווישן די הונגעריקע, זענען איצט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „סטראַטעגישן“ פּונקט. פונדאַנען איז אָבסערווירט געוואָרן די אַרומיקע געגנט. דאָ האָט מען אויפגעזאַמלט זאַפּאַסן פון עסן, וואָס וואָלטן געקענט זאַט מאַכן די הונגעריקע.

מיטן צופאַלן פון דער נאַכט איז דאָס גאַנצע גרינע פעלד אַרום, באַשאָטנט מיט אַ שלייכנדיקער מענטשן־מאַסע, וואָס האָט געקראָכן אויפן בויך פאָרויס, וואָס נענטער צו די דראָטן. שעפּטשענדיקע קולות האָבן זיך געטראָגן פון בערגל צו בערגל, פון מענטש צו מענטש. און אַנטקעגן האָבן צענדליקער לופעס פאַרשטעלט דעם וועג. די פרייהייט איז אָפּגעטיילט געוואָרן מיט דראָטן און אַ גוט באַוואָפנטער וואַך. נאָר אַ בליץ־שטורעם, וואָס וואָלט מיט זיך געבראַכט אַ סך קרבנות, וואָלט געקענט גורם זיין, אַז דער שטאַרקער אַרומיקער פאַנצער זאָל דורכגעריסן ווערן. די עלטערע האַלב־פאַרזשאַווערטע ביקסן וואָס זענען געווען אין געטאָ, וואָלטן ווייניק וואָס געהאָלפן אין דער אָפענסיווע.

שעהן זענען פאַרביי און אין דער ליכטיקער לבנה־נאַכט זענען טויזנטער געטאָ־ייִדן געלעגן און געוואַרט. הונדערטער „באַפעלן“ זענען אַדורך היין

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
פרוזשענע, בערעזע, מאלטש, שערשעוו, סעלץ ספר קהילה עמוד מס : 645 הודפס ע״י אוצר החכמה

און צוריק. אַט וועט זיך אָנהייבן, נאָר איין רוף, אָבער די מאַסע איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן, בלאַנדזשענדיקע אויגן האָבן שוין לאַנג אָבסער־ווירט פּנים־אל־פּנים די מערדער פון דער אַנדע־רער זייט און קיינער רירט זיך נישט.

פאַרן גאַנצן געטאָ איז דאָס מאָל געווען א ליל־שימורים, א נאַכט פון דערוואַרטונג, — וואָס וועט ברענגען דער מאָרגן?..

— און אין דער זעלבער דראַמאַטישער נאַכט, ווען דער גאַנצער געטאָ איז אָנמעכטיק געשטאַנען פאַרן שייד־וועג: — אונטערצינדן דעם געטאָ און זאָל דער בלוטיקער שונא נישט האָבן וואָס צו רויבן, אָדער צעשפּאַרן די געטאָ־צוימען און גיין אין קאַמף — האָבן זיך פאַרקליבן אין הויז פון וויצע־פאָרזיצער פון יודען־ראַט די עליטע פון געטאָ און האָבן באַשלאָסן אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן מאַכן א סוף צו זייער לעבן, כדי נישט אַריינ־צופאַלן אין די הענט פון די רוצחים. נאָך א ברייטן ישוב־הדעת מיטן אָנטייל פון דער פרוי דר. גאָלד־פיין, האָט די גאַנצע פאַרזאַמלטע אינטעליגענץ זיך אויסגעלייגט אין אָנגעפּילטן צימער מיט רויך (גאַז) און אַזוי־אַרום געוואָלט פאַרענדיקן זייער לעבן און געבראַכט ווערן צו קבר ישראל.

גאַנץ פרי, ווען די געטאָ־איינוווינער זענען נאָך דער שלאָפלאָזער נאַכט געקומען אין די גאַסן, האָבן הונדערטער יידן זיך געזאַמלט אַרום דעם גרויסן הויז אויף קאָברינער גאַס. אַ וויסלעכער נעפּל האָט זיך געריסן דורך די פענסטער אין גאַס אַריין. איינציקווייז האָט מען אַרויסגעפירט אויפן הויף די האַלב־פאַרחלשטע פון גרויסן פאַרגאַזטן צימער. נאָכן געבן זיי מעדיצינישער הילף זענען זיי געקומען צו זיך. נאָר איינעם, מיטן נאָמען ניצ־קין, איז נישט געלונגען צוריקברענגען צום לעבן.

...צייכנס פון בלוט האָבן באַדעקט זייטיקע סטעזשקעס, אויף וועלכע ס׳האָבן ביינאַכט גע־טראָטן געטאָ־מאַרטירער, וויטערדיקע זענען גע־קומען נאָך זיי. שוואַך איז געווען דער געטאָ־צוים אַנטקעגן אומגעבראָכענעם ווילן פון געטאָ־קעמ־פער.

די שטאַרקע וואַך ביי די דראָטן איז געבליבן...

**
*

אין אַ קאַלטן, ווינטערדיקן יאַנואַר־טאָג, זענען צוויי פאַרטיזאַנער — סעגאַל און מייטשיק, געווע־זענע איינוווינער פון געטאָ, געקומען דורך אַן אונ־טערערדישן אַריינגאַנג, מיט א וויזיט אין ביוראָ פון „יודען־עלטסטן". מיט הייס־געוואָר פאַרשטעקט אין בוזים און אָנגעטאָן אין פויערישע פעלצן, זע־נען זיי געזעסן, אונטערהאַלטנדיק זיך מיטן פּרע־זעס יאַנאָוויטש מכוח הילף פאַר די פרוזשענער וואַלד־מענטשן.

דער קליינוווקסיקער און וואַכזאַמער פּרעזעס האָט זיך אינטערעסירט מיט אַלע פּראָבלעמען, לע־גאַלע און אומלעגאַלע, וואָס האָבן געהאַט א שייכות צום געטאָ. ער איז וועגן אַלץ געווען אינפאָרמירט. חוץ די ליידן, מאַטערנישן און טאָג־טעגלעכע זאָרגן פון געטאָ־ייד, האָט אים אויך אינטערעסירט די הילף, וואָס האָט ווען ס׳איז באַדאַרפט קומען פון די נישט־יידישע פאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען, וואָס האָבן שוין צו יענער צייט קאָנטראָלירט אַלע וועגן און וועלדער.

די צוויי געטאָ־פאַרטיזאַנער זענען געווען די „אַמבאַסאַדאָרן" פון וואַלד און האָבן דעריבער אָפּט באַזוכט די געטאָ־יידן, זיי צוגעגעבן מוט, גערופן צו גיין אויף זייערע וועגן.

די ענגע גרענעצן פון געטאָ און אייגנאַרטיק לעבן, האָבן אויך אויסגעפורעמט א נייעם טיפּ מענטש מיט א נייעם סאָרט ייד, וועלכער האָט זיך אויסגעטאָן פון אַלץ און געבליבן גלייכגילטיק צו אַלע ליידן און זאָרגן. מען איז געזעסן און געוואַרט אויף אומבאַשטימטעס...

ס׳האָבן זיך געשאַפן א גאַנצע ריי קרייזלעך, קאָרטן־שפּילער און פאַרוויילונג־ערטער. פאַר די מאָגערע פאַרדינסטן און פון די לעצטע אָפּגעגעש־פּאָרטע זאַפּאַסן, האָבן פרויען צוזאַמענגעשטעלט ניי־קאָמבינירטע ביליקע מאכלים. כלומרשטע פאַר־טיזאַנער, וועלכע האָבן קיינמאָל דעם וואַלד נישט געזען, האָבן זיך געדרייט איבערן געטאָ און גע־לעבט פון אויספּרעסן געלט ביים „יודענראַט" פאַר זייערע מכלומרשטע „צילן". די זייטיקע פויערישע כאַטקעס, אינערהאַלב דעם געטאָ, ווו ס׳האָבן אין גרויס דחקות געלעבט צענדליקער פאַרטריבענע משפחות, עוואַקוירטע פון אַלט־איינגעזעסענע יידי־שע מקומות, האָבן צוגעצויגן די אויסזיכטסלאָזע יונגע מענער פון געטאָ. ביי דער שיין פון נאַפט־לאָמפּן און חלב־ליכט האָבן פאָרלעך זיך געשוואָרן אייביקע טריישאַפט. צווישן די דראָטן האָבן זיך נייע פאָרלעך פאַרבונדן און געשאַפן א פרישע נעסט פון פאַמיליען־לעבן מיט נייע קאַנדידאַטן פאַר דער הפקרדיקער עקזיסטענץ.

מיטן צונויפפּרעסן ענגער דעם געטאָ און מיטן פאַרקלענערן די אַזוי אויך שטאַרק־קאָנטראָלירטע אַרבעטס־קאָמאַנדעס, האָט זיך אין געטאָ עפּעס אַ ריר געטאָן. די צוויי קעגנגעזעצטע שטרעמונגען: פאַרטיזאַנער און בונקער־יידן, האָבן געפירט א שטילן קאַמף צווישן זיך פאַר העגעמאָניע איבערן געטאָ. דער קאַמף איז אָנגעגאַנגען צוליב געוועהר— סחורה, וואָס איז געווען א יקר־המציאות און יעדע

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
פרוזשענע, בערעזע, מאַלטש, שערשעוו, סעפער קהילה עמוד מס: 646 הודפס ע"י אוצר החכמה

גרופע האָט געגישטערט פאר אירע צוועקן. יעדע גרופע האָט געצויגן אויף איר זייט און דאָס האָט געבראַכט צו גרויסע סכסוכים און בלוט-פאַרגי־סונג אין די אייגענע רייען.

אין די דאָזיקע אָנגעשטרענגטע טעג, אין די נאָכמיטאָג-שעהן, זענען די צוויי איבערדערמאָנטע פאַרטיזאַנער רויק זיך געזעסן אין בנין פון „יודענ־ראַט" זייענדיק זיכער, אז אין געטאָ וועט זיי קיי־נער נישט פאַרראַטן.

אַ צופאַל האָט אָבער געוואָלט, אז גראָדע אין דער צייט זאָל דער געטאָ-קאָמענדאַנט, א געשטאַ־פּאָוניק, זיך פּלוצלונג באַווייזן מיט זיין מאַשין ביים בנין פון „יודענראַט" (ווי אַזוי ער האָט געטראָפן אַזוי פּינקטלעך בלייבט אויף אייביק א סוד) און נאָך באַווייזן צו זען, פּנים אל פּנים, די צוויי פאַר־טיזאַנער. זיינע נאָכשיסנדיקע קוילן האָבן געטראָפן דעם אַלטן הויז-וועכטער, וועלכער איז געפאַלן אַ באַגאָסענער מיט בלוט. דער קרבן האָט געדינט ווי אַ צייכן פאַרן גאַנצן געטאָ. דער רעזולטאַט פון דער דאָזיקער באַגעגעניש האָט זיך גלייך געלאָזט פילן.

נאָך אין דעם זעלביקן טאָג איז געקומען א באַ־פעל: בײדע פאַרטיזאַנער מוזן צוגעשטעלט ווערן צו דער דײטשער מאַכט — אין קעגנפאַל וועט דער גאַנצער געטאָ עוואַקוירט ווערן.

אין דער דאָזיקער קריטישער נאַכט האָבן שוין אויף אַלע וועגן און שטעגן געצויגן הונדערטער פויערישע שליטנס אין דער ריכטונג פון געטאָ. פריי־וויליק האָבן צענדליקער פויערים געשטראָמט מיט זייערע מאָגערע פערדלעך, כדי מיט איינמאָל רייך צו ווערן פון יידישן אומגליק.

ס'איז געווען א נאַכט פול מיט שרעק און אומ־רויִקער דערוואַרטונג. טויזנטער חלב-ליכט האָבן אונטער דער ערד פון געטאָ, אין קעלערס און בונ־קערס, באַלויכטן די צום טויט-צעשראָקענע פנימער מיט דער נאָגנדיקער פראַגע:

בלייבן — אָדער מיטגיין... — באַהאַלטן דעם אייגענעם קערפּער — אָדער גיין אויפן ליידנסוועג פון אַלטן פאָטער און מוטער, פון קליינע קינדער און עופהלעך... פון די וואָס קענען נישט אוועקגיין?

דער גאַנצער געטאָ איז די נאַכט געווען איינ־געזונקען אין פינצטערניש. נאָר פון „יודענראַט"־בנין האָט אַרויסגעשיינט א שוואַכע, קוים באַמערק־באַרע ליכטיקייט. א גאַנצע נאַכט איז מען דאָ גע־זעסן און נאָכגעטראַכט, נאָכגעפאָרשט די לעצטע געשעענישן.

אונטער די פינצטערע פענצטער פון די געטאָ הייזער, האָבן טויזנטער אָנגעשפּיצטע אויערן זיך צוגעהערט צום געריוש פון די שליטנס, וואָס זענען אַלץ נענטער געקומען צום געטאָ און אָנגעפילט דעם שטאָטישן מאַרק-פּלאַץ.

דאָ און דאָרט האָט זיך דורך דער פינצטערניש דורכגעשלייכט א מענטשן-פיגור, וועלכע האָט גע־איילט צו א שכן, א פריינט, העלפן אים איינפּאַקן דאָס ביסל, פון יאָרן אָפּגעשפּאָרטע זאַכן און בעט־געוואַנט.

דער באַפעל פון עוואַקואַציע איז געקומען גאַנץ פרי, באַגינען. ביי די שוועלן פון די הייזער זענען שוין געלעגן די אָנגעגרייטע פעק און טשעמאָדאַ־נעס. איבערן געטאָ האָט זיך געטראָגן דער ריח פון פריש-געבאַקענעם ברויט, וואָס וועט דאַרפן שפייזן דעם גאַנצן טרויעריקן וועג. צענדליקער פרוכט־לאָזע זיצונגען זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן פון פאַר־שיידענע באַזונדערע גרופּן. די הילף פון אויסערן געטאָ איז נישט געקומען. אַלטע פריינט פון דער גויִשער זייט זענען איבערנאַכט געוואָרן בלוטיקע שונאים. קריסטלעכע שכנים, מיט „פּראָטעקציע", זענען געקומען אין געטאָ אויסבעטלען א ביסל בגדים און ווערטפולע חפצים ביי די יידן אויף דערוויילע... צוגעזאָגט כלומרשט באַהאַלטן ביז די מגפה וועט אריבערגיין...

מצד דעם „יודענראַט" זענען געמאַכט געוואָרן די לעצטע פּרווון אָפּצושרייען די גזירה.

אַ סך גזירות זענען דאָך ביז איצט אָפּגעשריגן געוואָרן דורך מתנות פאַר די ווייבער און געליבטע פון די מערדער. פאַר ווערטפולע פעלצן און רינגען. דאָס מאָל איז געווען א צו טייערע געלעגנהייט פאַר די, וואָס האָבן שוין מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דעם לעצטן באַפעל פון פולשטענדיקער פאַרניכטונג.

ווי א טרויער-צוג, האָבן זיך באַוועגט און אויפ־געגומען געוואָרן דורך די געטאָ-איינוווינער, די שליטלעך, וואָס האָבן זיך אויסגעשטעלט אויף דער לאַנגער סעלצער גאַס. נאָך זיי זענען געקומען, פאַרמירט אין רייען, די ס.ס.-לייט מיטן געטאָ־קאָמענדאַנט בראש.

איינציקווייז האָבן די רעזיגנירטע יידן פון פּרו־זשענער געטאָ פאַרלאָדן אויף די שליטנס זייער בעטגעוואַנט, הויז-געשיר און אַלטע, שוין לאַנג נישט גערירטע טשעמאָדאַנעס.

...א טויטע שטילקייט האָט געהערשט לענג־אויס דער גאַס. נאָר אַן אָפּהילך פון טריט אין סקריפּנדיקן שניי האָט דורכגעשניטן די קאַלטע לופט. פון הויז צו הויז, פון צימער צו צימער זענען געגאַנגען די ס.ס.-לייט און געטריבן די צום טויט־צעשראָקענע יידן אויפן וועג פון אומקום.

געווען איז דאָס דעם 28טן יאַנואַר 1943.

פיר טעג האָט געדויערט דאָס „אויסזידלען" די יידן פון פּרושענער געטאָ.

הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה

## ווי אַזוי שאַפט מען געווער

דאָס איינשאַפן הייס־געווער און בעיקר דאָס אַריינטראָגן אָט די „לעבעדיקע״ פייער־טיילן אין פּרוזשענער געטאָ — דאָס אַלץ פאַרדינט באַהאַנדלט צו ווערן באַזונדער. פאַר אַ נאָרמאַל לעבנדיקן מענטשן, ביי נאָרמאַלע אומשטענדן און באַדינגונגען וועט דאָס אויסקומען פאַנטאַסטיש און אוממויספּירלעך: — דאַרפסט דורכשמוגלען געווער ווען צען פּאָר אויגן קוקן דיר נאָך, דו מוזסט דורכגיין אַ שטרענגע וואַך און קאָנטראָל־שטעלעס, ווו דער מינדעסטער חשד מיינט אומקום. דאָך שאַפט שוין יעדע צייט, יעדע סביבה אירע העלדן. איינער פון אָט די איז געווען איצל פרידבערג, פון דער פּרוזשענער יוגנט מיט נישט קיין גאַנצע 22 יאָר אַלט — אָבער פול מיט ברען און ענערגיע, אַרויסווייזנדיק פעיקייטן אויף אַ סך געביטן. (בשעת דער רוסישער אָרדענונג אין די יאָרן 1940־41 דערהויבן געוואָרן צום אמט פון אַן אינספעקטאָר אין דער פּרוזשענער באַנק). אין געטאָ איז ער באַשטימט געוואָרן אלס קאָלאָנען־פירער פון אַן אַרבעטס־קאָמאַנדע און איז אַרויס מיט ייִדן מחוצן געטאָ צו פאַרשידענע אַרבעטן.

איינע פון אַ סך אַזעלכע קאָמאַנדעס, איז געגאַנגען אַרבעטן אין די קאַזאַרמעס, וואָס זענען געלעגן אויף העלפט וועג קיין לינעווע. גאַנץ פרי, מיטן אָנהייבן טאָגן, איז מען אַרויס צופוס אַהין און צוריקגעקומען פאַרנאַכט.

איצל פרידבערג פאַרבינדט זיך מיט מרדכי־בער סעגאַל און איזראַעליט (ביידע האָבן געהאַט צו זאָגן איבער דער אַרבעטס־פאַרטיילונג אין געטאָ) און צוזאַמען שאַפן זיי דעם ערשטן פּלאַן פון אָרגאַניזירן אַ גרופּע ספּעציעלע פאַרטרויונגסמענטשן, וואָס זייער אויפגאַבע דאַרף זיין „באַאַרבעטן״ די קאַזאַרמעס.

אָט די גרופּע האָט עס געעפנט אַ ניי בלעטל אין דער געשיכטע פונם פּרוזשענער געטאָ־לעבן. די גרופּע איז זאָרגפעליק צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן און איז באַשטאַנען פון פאַכלייט, מיט אַ פאַראויס באַשטימטער מיסיע און פשוטע אַרבעטער, וואָס האָבן באַדאַרפט דעקן די פאַכלייט. אָבער נאָר איינצלנע פון די פשוטע אַרבעטער האָבן פון דעם אַלעם געוווסט. אויפן אָרט אין די קאַזאַרמעס, ביי דער אַרבעטס־פאַרטיילונג, איז אַלץ געניי געוואָרן אויסגעשפּירט ביז וואַנען ס׳זענען אַנטדעקט געוואָרן די סקלאַדעס מיט רוסיש געווער, וואָס זענען בשעתו אָוועקגענומען געוואָרן ביי די רוסישע געפאַנגענע.

איצל האָט זיינע ידיעות וועגן געווער זיך איינ־

געשאַפן אין די צייטן פון דער אַמאָליקער „פּ.וו.״ (פּוילישע Przysposobienie Wojskowe מיליטערישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע), ווו ער האָט דורכגעמאַכט מיליטערישע איבונגען. איצט איז געווען זיין אויפגאַבע אָפּצוציען דאָס אויפמערקזאַמקייט פון דער דייטשער וואַך וואָס איז געשטאַנען ביי די סקלאַדעס. פאַררעדן זיי מיט פאַרשידענע שפּילצייגן: ווי רינגעלעך, מאָנאָגראַמען, זאַכן וואָס האָבן זייער געלאָקט דעם דייטשן זעלנער. די קאָלאָנען־פירער האָבן זיך אויך באַמיט צו פאַרשאַפן צוטרוי מיטן שענקען אַ סך ווערטפולע זאַכן די וואַך־פּאָסטנס און די, וואָס האָבן געהאַט דעה ביי וואָס צו באַשטימען. אויף דעם ציל האָט דער „יודענראַט״ געהאַט אָרגאַניזירט ספּעציעלע זאַכן.

די נאַיוויטעט פון די זעלנער איז אויסגענוצט געוואָרן. די פאַכלייט פון דער גרופּע האָבן אָנגעהויבן פאַרשטעקן צוגעקליבענע געווער־טיילן אונטער די קליידער. ס׳זענען אַרויסגענומען געוואָרן אויף אַ זיכערן פּלאַץ גראַנאַטן און קוילן פאַר די ביקסן, און מען האָט זיך געגרייט צום אַרויסגיין פון די קאַשאַרן מיטן „רויב״. די באַשטימטע „קוילן טרעגערס״ פלעגן אָנטאָן ספּעציעלע הויכע שיך און אין די וועטעלעך אַרומלייגן מיט 15 קוילן. די גראַנאַטן זענען אָנגעבונדן געוואָרן אַרום די פיס מיט ספּעציעל רויט־באַשמוצטע באַנדאַזשן. אַ טייל האָבן געהאַט אויף זיך גרויסע אַרבעטס־קאָמבינאַזאָנען, וואָס ס׳זענען אויפגענייט געוואָרן מיט טאָפּלטע קעשענעס, און האָבן געקענט אויפנעמען גרויסע קוואַנטומס פון קוילן. פון די ביקסן זענען אָפּגעבראָכן געוואָרן די הילצערנע טיילן און די אייזערנע טיילן זענען אַריינגעשטעקט געוואָרן אונטער די קליידער. די הילצערנע טיילן, זענען שפּעטער צוגעאַרבעט געוואָרן אין געטאָ דורך אַ ספּעציעלן פאַכמאַן מיטן נאָמען מיאַדאָווניק (אַ געטאָאיינוווינער, וואָס איז געבראַכט געוואָרן מיט די טראַנספּאָרטן פון ביאַליסטאָקער געטאָ).

בכדי אָפּצונאַרן די וואַך־פּאָסטנס ביים געטאָטויער האָט ייִדל באַזאָרגט דער גרופּע אַרבעטער מיט עסנוואַרג ווי: פּוטער, גריפּן און ברויט, אָדער אָנגעהאַקטע שטיקלעך האָלץ. אין „ערגסטן פאַל״ איז מען אָפּגעקומען די שטראָף ביים טויער. מיטן רעקוויזירן דאָס שפּייז און האָלץ. אין דער באַשטימטער שעה, ווען ייִדלס אַרבעטס־קאָלאָנע פלעגט זיך דערנענטערן צום געטאָ, פלעגן זיי באַקומען פון געטאָ־אַרויס אַ סימן (דורך די אויבנדערמאָנטע מרדכי־בער סעגאַל אָדער איזראַעליט) ווי אַזוי עס זעט אויס די רעוויזיע ביים טויער און ווי אַזוי זיי דאַרפן זיך פירן.

דאָס גאַנצע אַריינגעטראָגענע געווער איז גע־

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
פרוזשענע, בערעזע, מאלטש, שערשעוו, סעלץ ספר קהילה עמוד מס: 648 הודפס ע"י אוצר החכמה

זאַמלט געוואָרן בסוד סודות ביי שמערל עלמאַן אויף קאָברינער גאַס.

מיטן אויסברייטערן די טעטיקייט פון דער געשאַפענער גרופּע צוקונפטיקע פּאַרטיזאַנער איז געמאַכט געוואָרן א פּרווו דורכצופירן אַן אונטערגראַבונג, וואָס האָט זיך געצויגן דורך די פעלדער פון אַלענדרע, דורכשניידנדיק בלאָטנע און האָט באַדאַרפט אַרויסגיין אין ריכטונג פון באַראַנאָווסקיס מיל אויסערן געטאָ, (דער וועג, וואָס האָט געפירט צו קרוצעלס מיל). דער דאָזיקער פּלאַן איז נאָך אַ סך מי בטול געוואָרן, און איז אין מיטן איבערגעריסן געוואָרן.

גלייכצייטיק איז די אַקטיוויסטן באַקאַנט געוואָרן אַ פרישער אָרט פון געווער, וואָס האָט זיך געפונען אויפן וועג צו פּאַלינאָווע אין ריכטונג צום נייעם אַעראָדראָם. דאָרטן איז דורך די דייטשן אויפגעשטעלט געוואָרן א וואַרשטאַט צום פאַרריכטן די פאַבראַקירטע רוסישע געווער. נישט ווייט פון דעם פּלאַץ האָט זיך געפונען דאָס הויז, ווו עס האָט געוווינט דער דייטשער בירגערמייסטער פון שטאָט פּרושענע. אין דעם דאָזיקן הויז איז טאָג־טעגלעך געקומען אויף אַרבעט שמערל עלמאַן, געשיקט דורכן אַרבעטס־אַמט אין געטאָ. דאָס פּלאַץ פון געווער־וואַרשטאַט איז געווען גוט באַוואַכט און אַרומגעצוימט. אינעווייניק האָבן געאַרבעט אויך ייִדישע אַרבעטער פון געטאָ און דער הויף איז געווען פול מיט האָלץ. — דאָס האָלץ האָט אַרויסגעהאָלפן — שמערל עלמאַן האָט אַרויסבאַקומען פון בירגערמייסטערס ביורא א דערלויבעניש אויף צו ברענגען די האָלץ צום הייצן. פּונקט צוועלף אזייגער בייטאָג, מיטאָג־צייט, האָט שוין אויפן גאַס געוואַרט א קליין שליטל מיט א טאָפּלטן דעק. ביים פאַרפאָרן אויפן הויף פון וואַרשטאַט איז דאָס אָנגעגרייטע געווער־טיילן, וואָס זענען צו דער צייט געלעגן צוגעגרייט, פאַרשטעקט געוואָרן אין דעם אונטערשטן טייל פון שליטן און פון אויבן איז אַרויפגעלייגט געוואָרן דאָס האָלץ. דער גאַנצער „טראַנספּאָרט" איז מיט דער דערלויבעניש אַריינגעפירט געוואָרן אין געטאָ.

סוף סעלצער גאַס, אויפן צווייטן זייט פון שאָסיי, האָט זיך געפונען די ליימאַן־גרופּע, וואָס איז געווען באַקאַנט מיטן טעראָריזירן די געטאָ־איינוווינער. זייער פונקציע איז געווען צו באַוואַכן די טעלעפאָן־ליניע פון פּרושענע אויפן וועג קיין ראַפּשינאַי. ווען איצל פרידבערג איז אַהינגעקומען מיט זיין גרופּע אויף אַרבעט, האָבן זיי שוין געוווּסט, אז דאָרטן קען מען עפּעס „אָרגאַניזירן". ער האָט נאָכגעקוקט אַלע צימערן און האָט באַמערקט אין אַ ווינקל קוילן מיט גראַנאַטן. דאָ האָט מען אָבער נישט געקענט אַריסטראָגן אויפן גאַס און פאַרשטעקן. דער אָרט איז געווען אַן אָפענעם און יעדע באַוועגונג האָט געקענט פאַרראַטן. ער נוצט אויס א געוויסע געלעגנהייט און שטאָפּט אַן אין די קליידער און טאַשן קוילן מיט גראַנאַטן. א באַלאָדענער איז ער אזוי אריין אין געטאָ. די קוילן זענען געווען צוגעפּאַסט צו ביקסן, וואָס זענען מיט א טאָג פריער געבראַכט געוואָרן פון די קאַזאַרמעס.

איצלס אונטערערדישע אַרבעט איז דערגאַנגען צום „יודענראַט", וואָס האָט אין דעם דערזען אַ סכנה פאַרן געטאָ. בכדי אים אומשעדלעך מאַכן שיקט אים דער אַרבעט־אַמט מיט א גרופּע פון 200 אַרבעטער קיין ביעלאָוויעזש, ווו ס'איז געבויט געוואָרן דורכן וואַלד א וועג קיין קאַמיעניץ. זיי האָבן זיך געפונען אונטער דער אויפזיכט פון א דייטשער בוי־פירמע און יעדן זונטיק איז באַזאָרגט געוואָרן פאַר זיי עסן פון געטאָ.

נאָר וויזט אויס, אז זיין גורל איז שוין געווען ענג פאַרבונדן מיט זיין שפּעטערדיקער פּאַרטיזאַנישער אַרבעט. אויך דאָ, נאָך א געוויסער צייט, טרעפט ער זיך גאַנץ צופעליק מיט רוסישע פּאַרטיזאַנער ביים קלייבן יאַגדעס אין וואַלד. (דאָס זענען געווען געוועזענע זעלנער פון דער רעגולערער רויטער אַרמיי, וואָס זענען פאַרבליבן אין וואַלד נאָכן צוריקטרעטן פון דער רוסישער אַרמיי). ער טרעפט זיך מיט זיי אייניקע מאָל און עס שאַפט זיך דער נייער פּלאַן: בויען זעמליאַנקעס טיף אין וואַלד, אַריבערפירן שטופנווייז די אַרבעטער אין וואַלד און דעקן זיי מיט אַנדערע פון געטאָ. איצל פאָרט (מיטן אויסוויז פון דער בוי־פירמע) אין געטאָ אַריין מיטן צוועק צו שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיטן „יודענראַט". דער פּרעזעס, איצל יאַנאָוויטש ע"ה, וואַרפט אָפּ קאַטעגאָריש זיין פּאָרשלאָג, מאָטיווירנדיק, אז דאָס גאַנצקייט פון געטאָ שטייט ביי אים העכער פון סעפּאַראַטע רעטונגען. דער פּרושענער „יודענראַט" איז געווען ביי דער מיינונג, אַז דעם פּרושענער געטאָ וועט אויסמיידן דער גורל פון די אַרומיקע געטאָס, ווייל פּרושענע איז דערקלערט געוואָרן דורך דער דייטשער מאַכט אַלס ייִדישער זאַמלפּונקט. נאָך דער ליקווידאַציע פון אַלע געטאָס אַרום פּרושענע האָבן אַלע ייִדן, לעבנגעבליבענע, אָדער אַנטרונענע פון אונטער דעם מעסער, אָדער קויל — געפונען צייטווייליק זייער פּלאַץ אין פּרושענער געטאָ.

די אַרבעט פון דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע איז שוין אָבער געווען ווייט פאַרצווייגט און צוגעגרייט. די לופט איז געווען פול מיט אויפרייס־שטאָפן און די פּאַרטיזאַנער פון מאָרגן האָבן געפילט, אז דער טאָג פון קאַמף דערנענטערט זיך.

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
פּרושענע, בערעזע, מאַלטש, שערשעוו, סעלץ ספר קהילה עמוד מס: 649 הודפס ע"י אוצר החכמה

## פרושענער יידן אין פאַרטיזאַנקע

אין די גרעניצן פון איינגעשרומפטן געטאָ, איז קיין שום פּאָליטישע אקטיוויטעט נישט פאָרגעקומען. עס איז אָבער געווען א טעטיקייט אין די ראַמען פון טאָג־טעגלעכער הילף פאר הונגערליידנדיקע היימלאָזע, אויפגעטריבענע פון די ארומיקע שטעטלעך, וואָס האָבן אָנגעפילט די בתי־מדרשים און די אלטע פויערישע האלב־איינגעפאַלענע כאטקעס און סטאַדאָלעס. ס׳האָט זיך פון דאָרטן געריסן דער וויי־געשריי פון אוממענטשלעכע ליידן און הילפסלאָזיקייט.

האנט ביי האנט מיט דער גרויסער טראגעדיע זענען אויף דער אויבערפלאַך אַרויפגעשווומען מענטשן, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו שפּילן א ראָל אין אַזוי גערופענעם „עפנטלעכן" לעבן; חוץ „יודענראַט"־מיטגלידער, יידישע פּאָליציאַנטן און אַרבעטס־קאָמאנדירן (בריגאדירן), זענען אויפגעקומען מענטשן פון „אייגענער איניציאטיוו", ווי: קאָמענדאנטן פון אונטערערדישער אַרבעט, גענערעלער פון פאַרטיזאנער אָפּטיילונגען, וואָס זענען נאָך געווען אין סטאַדיום פון געבוירן ווערן, באַלעבאַטים פון גרויסע אונטערערדישע בונקערס, ווו עס זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן בסוד־סודות געהיימע זיצונגען, ייִדן־שתדלנים, וואָס האָבן געקענט עפּעס פועלן ביי דעם געטאָ־קאָמענדאנט, וועלכער האָט אין זיין האנט געהאלטן דעם גורל פון לעבן אָדער טויט.

מיטן וווקס פון אזעלכע אָנפירער, האָט זיך אין געטאָ אָנגעהויבן א שטילער געראנגל, — אַ געראנגל פאר העגעמאָניע, פארן געווער, וואָס איז אַריינגעבראכט געוואָרן אין געטאָ.

צווישן די אויפגעקומענע זענען געווען א סך „פרעמדע". מענטשן אומבאקאנטע, וואָס זענען דורך אַלעמען נאָכגעפּאָרשט געוואָרן. יעדער האָט געהאט זיין פּאָפּולערן נאָמען ווי למשל „דער בוצלעכער יודע", א ייִד, וואָס איז מיטגעשלעפּט געוואָרן אויף אַ מיסטעריעזן אופן מיט דער דייטשער ארמיי און איז שטעקן געבליבן אין פּרושענע. אים האָבן ביי־געשטאַנען זיינע ווערטפולע פּאפּירן, פארזען מיט ברייטע זיגלען פון דער רייכסווער (דייטשע ארמיי), זיין פּראָטעקציע ביי די דייטשן איז געגאנגען פאר אים.

אויף פּאטאָפּוּוקע האָט זיך ארומגעדרייט צווישן די נידעריקע הייזקעס איינער מיט א דיפּלאָמאטישער פארגאנגענהייט, וואָס וועגן אים האָט מען נישט „געטאָרט" רעדן אָדער דערמאָנען, אויך צו דער אַרבעט איז ער נישט געגאנגען.

אין אַ שטילער נאכט איז דערהרגעט געוואָרן אין געטאָ איינער מיטן נאָמען אפרים. אַרום אים זענען אַרומגעגאנגען גאנצע לעגענדעס. ווייבער פלעגן זאָגן, אז ער איז דער פאָרשטייער פון די פּארטיזאנישע אָפּטיילונגען, וואָס קעמפן אין די אַרומיקע וועלדער... אז זיינע פארבינדונגען דערגרייכן, אזש ביזן רוסישן פראָנט... זיין טויט איז געבליבן אַ סוד, כאָטש מ׳האָט געוווּסט צו דערציילן, אז א צווייטע קעמפנדיקע גרופּע פון לייבל מייסטער איז געווען פארמישט אין צוזאמענשטויס, וואָס איז אויסגעבראָכן צוליב געווער.

נידערגעשלאָגענע מענטשן, וואָס האָבן אין יעדער זאך, געזוכט א נס, אן אָנהאלט פאר א רעטונג, האָבן זיך געקלאַמערט אין א״ג „אַקטיוויסטן". עס האָט זיך באַקומען, אַז יעדע גאַס האָט געהאט אירע בונקערס, אירע אָנהענגער און פירער. צענדליקער קרייזלעך האָבן זיך געשאפן אין פארבאָרגענע ערטער.

פון די דאָזיקע קליינע און צעברעקלטע גרופּעס, האָט זיך שפּעטער אויסגעקריסטאליזירט אן אונטערערדישע אָרגאַניזאציע, וואָס האָט זיך געשטעלט אין פארבינדונג מיט פּארטיזאנער־גרופּן מחוץ דעם געטאָ. די אונטערערדישע באוועגונג איז צעטיילט געוואָרן אין באזונדערע פינפטלעך און זייער צוגרייטונגס־אַרבעט איז באשטאַנען אין שאַפן און רעמאָנטירן געווער. מיר האָבן שוין וועגן דעם דערציילט אין פריערדיקן ארטיקל.

דער „יודענראַט" האָט געזען אין דעם אַ גרויסע געפאר פארן געטאָ. זיי האָבן געהאלטן, אז פּרושענער געטאָ וועט אויסמיידן די פאַרניכטונג און ס׳וועט זיין א סכנה פּראָוואָצירן א קאמף. פארדעכטיקטע אין אַריינטראָגן געווער זענען מער נישט געשיקט געוואָרן אויף ארבעט, ווו מ׳איז געקומען אין קאָנטאקט מיט דייטשע מיליטער, ווי דאָס איז געווען מיט איצל פרידבערג.

די אלע שטערונגען האָבן נאָך מער פּאָפּולער געמאכט די צוקונפטיקע פארטיזאנער. אין יעדן יונגן מענטש, האָט מען געזען א פארטיזאנער, ווייל אין יעדן האָט דאָך געברויזט די נקמה, דאָך זענען די אלע, סיי די אקטיווע און סיי די פּאַסיווע מיטגלידער, נישט געווען גרייט ארויסצוגיין פון געטאָ און זיך פארוואנדלען אין אַן אמת קעמפנדיקער איינהייט מיט געווער אין האנט. סיבות דערצו זענען געווען פארשידענע. די אָביעקטיווע לאגע, דאָס זיין געקניפּט און געבונדן מיט די פאמיליעס, לעבנס־געפאר פון אלטע טאַטע־מאמע האָט אָפּגעהאלטן פון מאכן א דרייסטן שריט.

שפּעטער איז געלונגען אָנצוקניפּן א קאָנטאקט מיט די רוסישע פּארטיזאנער אין די ארומיקע וועלדער. דורך א געוויסן אָטאַפּיוק, אַ קריסט, וועלכער האָט זיי מיטגעטיילט אז זיי זענען גרייט

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
פרושענע, בערעזע, מאלטש, שערשעוו, סעלץ ספר קהילה עמוד מס : 650 הודפס ע"י אוצר החכמה